STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08223

# DOS LID FUN GETO

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאָס ליד פון געטאָ

זאמלונג

# דאָס ליד פון געטאָ

## זאמלונג

צוגעגרייט צום דרוק,
פאָרוואָרט, באַמערקונגען —
רוטע פופס

פאַרלאַג: יידיש בוך וואַרשע

# P I E Ś Ń   G E T T A

Przygotowała do druku, we wstęp i przypisy zaopatrzyła
RUTA PUPS

Redaktor: B. MARK
רעדאַקטאָר: ב. מ אַ ר ק

Okładkę projektował: RAFAŁ CHWOLES

הילע — רפאל כוואָלעס

Wydawnictwo „IDISZ BUCH" Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 140. Nakład 2500 egz. Druk ukończono w maju 1962 r. Ark. druk. 12, ark. wyd. 8. Papier rotograwiura III kl., 61 × 86, 80 g
Druk. RSW „PRASA", Warszawa, Tarczyńska 8. H-61

# פאָרוואָרט

די טראַגישע איבערלעבונגען בעת דער היטלער־אָקופּאַציע האָבן אויפגעוועקט דעם דראַנג צו שרייבן ביי אַ סך פּשוטע יידישע מענטשן, וואָס האָבן בדרך כלל נישט געהאַט קיין שייכות צו ליטעראַטור און קיין ליטעראַרישע אַמביציעס.

„געשריבן האָבן אַלע — האָט פאַרצייכנט אין זיינע נאָטיצן דער כראָניקער פון וואַרשעווער געטאָ ד״ר עמנואל רינגעלבלום — זשורנאַליסטן, לערער, שרייבער, געזעלשאַפטלעכע טוער, יוגנטלעכע און אַפילו קינדער. דער רוב האָט געשריבן טאָגביכער, וווּ די טראַגישע געשעענישן זענען באַלויכטן געוואָרן דורך דער פּריזמע פון פּערזענלעכע איבערלעבונגען״ [1].

אויפן סמך פון צאָלרייכע אַרכיוואַלע מאַטעריאַלן און גבית-עדות קאָן מען פעסטשטעלן, אַז אין די געטאָס און לאַגערן האָט מען מאַסנווייז געשריבן אויך לידער. עס איז אַנטשטאַנען אַ גאַנצע ליטעראַטור פון דער חורבן־צייט, וואָס איז באַשטאַנען הויפּטזעכלעך פון טאָגביכער און לידער.

וואָס צווינגט מיך צו שרייבן?
וואָס האָב איך אין דעם געזען?
ס׳וועט קיין סוד פאַר קיינעם בלייבן,
כ׳בין קיין שרייבער נישט געווען... [2]

די אסירים פון געטאָ און לאַגער האָבן פיינלעך און פיבערהאַפט געזוכט אַן אויסדרוק פאַרן איבערגעלעבטן, געזוכט ווערטער, וואָס זאָלן אַרויסברענגען זייער ווייטיק, בענקשאַפט און האָפענונג, פּראָטעסט און צאָרן. דאָס שרייבן האָט געבראַכט אַ טרויעריקע טרייסט און גלייכצייטיק

[1] עמנואל רינגעלבלום, נאָטיצן פון וואַרשעווער געטאָ, פאַרלאַג „יידיש בוך״, וואַרשע 1952 י., ז. 318.

[2] אברהם קירשענבוים (לאָדזשער געטאָ), „וואָס צווינגט מיך צו שרייבן״, אַרכיוו פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט (ייה״א) אין וואַרשע, נומ. W=99.

איז עס געווען א גייסטיקער אַזיל, וואָס האָט געשיצט און געהאַלפן אויס־צוהאַלטן דעם שווידערלעכן דרוק פון דער אָקופּאַציע־ווירקלעכקייט.

„מען האָט געמוזט האָבן א באַהעלטעניש, וווּ קיינער האָט נישט גע־קאָנט ברוטאַל אריינדרינגען, מיט איין וואָרט — א היים. מען האָט געמוזט ארויסזאָגן, ווי עס טוט ווי, ווי שלעכט עס איז, ווי עס בענקט זיך, באַפרייען זיך פון דעם שרעקלעכן עול פון איינזאַמקייט... אַזוי זענען געקומען די לידער...[3]

געוויס איז דער דראַנג צו שרייבן געווען א רעזולטאַט פון דער באַ־זונדערער גייסטיקער רייפקייט, וואָס די מענטשן האָבן דערוואָרבן אין געטאָ און לאַגער:

א ביטערע שווערע שולע איז געווען
אין געפאַנגענשאַפט דאָס האַרבע לעבן,
מיר האָבן דאָן מיט אויגן אַנדערע געזעען זען,
וואָס אַרום אונדז און וואָס ס'איז נעבן...[4]

דאָס שרייבן בכלל — און לידער בפרט — אין די טעג, ווען דאָס לעבן איז געוואָרן אַלץ מער באַדראָט, האָט דיקטירט אויך דער אינסטינק־טיווער באַגער צו לאָזן נאָך זיך א סימן, אן אָנדענק. אין א געווייסן זין דערמאָנען אונדז די לידער פון געטאָ און לאַגער די אויפשריפטן, וואָס זענען פארבליבן אויף ווענט פון תפיסות און לאַגער־באַראַקן. אַזוי האָבן עס אויפגענומען די שוועסטער־דיכטערינס אילע און העניע קאַרמעל אין זייער ליד „א שפור אויף דער וואַנט“[5].

דאָס שרייבן וועגן זיך און וועגן דער צייט, וועגן אייגענעם און אַלגע־מיינעם אומגליק, האָבן א סך געוויינלעכע פּאָלקס־מענטשן אויפגענומען ווי א חוב, וועלכן זיי האָבן אויסגעפילט מיט אחריות און נישט זעלטן — אין די לאַגערן, וווּ פאַרן שרייבן האָט געדראָט א האַרבע שטראָף — מיט מסירת־נפש. דער דראַנג צו שרייבן האָט זיך געשטיצט אויף דעם, טראָץ אַלעמען, טיפן גלויבן, אַז דער שונא וועט פארשפּילן, די גערעכטיקייט וועט

[3] אילע קארמעל, איינע פון די צוויי שוועסטער־דיכטערינס פון קראָקע, „אָפענער בריוו צו יוליאן טוווים“, אַרכיוו פון יוה"א, נומ. W-241
[4] טויבע גערשאָוויטש (שאַוולער געטאָ), „שטרוי“, אַרכיוו פון יוה"א, נומ. W-27
[5] ליד נומ. 2.

זיגן און דאַן וועלן די פאַרבליבענע שורות באַשולדיקן די מערדער און דערמאָנען וועגן די, וואָס פאַר זיי „האָט פאַרזאַמט דער קאַיאָר".

* *

*

די לידער פון געטאָ און לאַגער זענען א ליטעראַרישע דערשיינונג, וואָס איז איינציק אין איר מין און פאַסט זיך נישט אריין אין געוויינלעכע קריטעריעס פון ליטעראַרישער אָפשאַצונג. מיר זוכן נישט אין די לידער, וואָס זענען פאַרפאַסט געוואָרן אין די יאָרן פון פאָלקס-אומגליק, קיין קינסטלערישע ווערטן. „דאָס איז א פרוכט פון צייט געבוירן" — האָט געשריבן וועגן איר דיכטונג שבע גלאַז־ראָזנבלום פון לאָדזשער געטאָ[6]. דער כוח און די אויסווירקונג פון די געטאָ־ און לאַגער-לידער ליגט אין זייער אמתדיקייט און אוממיטלבאַרקייט, אין דער אויטענטישקייט פון איבערגעלעבטן, אין דער קאָנקרעטקייט פון היסטאָרישע און שטייגער־פּרטים, וואָס גיבן צו די דאָזיקע לידער א באַזונדערע עכטקייט. צוזאַמען מיט אלעמען האָבן די דיכטער פון געטאָ געליטן הונגער און קעלט, פאַרלוירן זייערע משפחות, דורכגעמאַכט דעם גיהנום פון היטלעריסטישן קאַצעט. די דאָזיקע טראַגישע דערפאַרונגען האָבן געבראַכט דערצו, אז מענטשן, וואָס זענען קיינמאָל קיין דיכטער נישט געווען, האָבן געפונען ווערטער — פּינקטלעכע, טרעפלעכע און וואָגיקע — אויסצודריקן דאָס אַלץ, וואָס אַלע ארום האָבן געפילט, נאָר האָבן עס נישט געקאָנט און נישט געוווסט ווי אַזוי ארויסצוזאָגן. ווען די מאַמע אין „פאַרוואָגלטן קינד" פון חנה חייטין[7] רופט אויס: „גאָט, האָב רחמנות אויף מיין קינד", דריקט זי אויס די פאַרצווייפלונג פון הונדערטער טויזנטער מאַמעס און טאַטעס, וואָס האָבן אין די אָקופּאַציע־יאָרן געמאַכט איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען, כדי צו ראַטעווען די קינדער פון אומפאַרמיידלעכן טויט. די גוואַלדיקע עמאָציאָנעלע אָנלאָדונג פון די לידער, וואָס זענען געשריבן אין געטאָ און לאַגער, דערהויבט א סך פון זיי (אָפטמאָל בלויז באַזונדערע פערזן אָדער איינצלנע שורות, וואָס שיינען אַרויס פון אַן אומבאַהאָלפן ליד) צו דער מדרגה פון אמתער פּאָעזיע.

דער נאָכפרעג אויף לידער אין געטאָ און לאַגער איז געווען זייער גרויס. א באַווייז דערפון איז, צווישן אַנדערן, דער גורל פון א סך אלט-

---

[6] ליד נומ. 1.
[7] ליד נומ. 31.

באַקאַנטע לידער (פאָלקס־לידער, ווי אויך פּאָפּולערע לידער פון מאָריס ראָזענפעלד, מרדכי געבירטיק, מארק וואַרשאַווסקי), וואָס זענען באַנייט געוואָרן, באַקומען אַ נייעם אינהאַלט, צוגעפּאַסט צו דער אָקופּאַציע־צייט.

אויב אַ מחבר פלעגט זיך איינגעבן אַרויסצוברענגען די געדאַנקען און געפילן פון דער געטאָ־מאַסע, פלעגט זיין ליד תיכף אויפגעכאַפּט ווערן. אָפט פלעגט מען דערצו צופּאַסן אַ מעלאָדיע, און דאָס ליד פלעגט אָנהייבן וואַנדערן — אין פאַרשיידענע וואַריאַנטן פלעגט מען עס איבערגעבן פון מויל צו מויל, פון געטאָ אין לאַגער, אָפטמאָל פלעגט מען אַפילו פאַרגעסן, ווער עס איז געווען דער ערשטער פאַרפאַסער — דאָס ליד איז געוואָרן אַן אייגנס פון פאָלק.

* *

*

אומאָפּהענגיק פון דעם קינסטלערישן ווערט פון באַזונדערע לידער איז די געטאָ- און לאַגער-דיכטונג אַ דאָקומענט פון דער חורבן־צייט. אַ באַזונדער אָרט אין דער דאָזיקער דיכטונג פאַרנעמען די אין גראַמען געשריבענע כראָניקעס, וואָס שילדערן, אַזוי ווי די כראָניקעס פון ת״ח ות״ט — גזירות, גירושים, עקזעקוציעס. אַזוינע באַשרייבונגען זענען אָפטמאָל זייער פּינקטלעך אין דאַטעס און היסטאָרישע פּרטים. למשל: דאָס ליד „דאָס טרויעריקע געטאָ״ (נומ. 4) — מחבר אומבאַקאַנט — שילדערט דעם גירוש פון לאָדזשער יידן אין דעצעמבער 1939 י. דאָס ליד הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „ווען דער 13 גרודזשיען איז אָנגעקומען, האָט מען גענומען אַלע יידעלעך צו יאָגן״. און באמת, דעם 13 „גרודזשען״ (דעצעמבער) 1939 י. האָט די לאָדזשער יידישע קהילה, אויפן באַפעל פון דער אָקופּאַציע־מאַכט, אָנגעהויבן די רעגיסטראַציע צו דער איבערזידלונג פון 30.000 לאָדזשער יידן אין דער א. ג. „גענעראַלער גובערניע״ [8]. אין דעם זעלביקן ליד איז דאָ נאָך אַ שטעל, וואָס זאָגט עדות וועגן דער פּינקטלעכקייט פון היסטאָרישע פּרטים:

---

[8] גענעראַלע גובערניע — לויט דער היטלעריסטישער אַדמיניסטראַטיווער טיילונג — צענטראַלע געביטן פון אָקופּירטן פּוילן.

...אין דעם זיבלבן טאָג פון ראָזקאָז פון יאָגן,
איז נישט געווען קיין צייט אפילו זיך אויסצודרייען,
האָט מען גענומען לאַטעס פון דער האַנט, וואָס מ'האָט
געטראָגן,
אויף די פלייצעלעך האָט מען עס געמוזט אָנצונייען...

ווירקלעך, דעם 12 דעצעמבער 1939 איז אַרויס די פאַראָרדענונג וועגן ענדערן דעם קען־צייכן פאַר די יידן אין לאָדזש. אַנשטאָט א געלן אָרעמבאַנד (וואָס איז איינגעפירט געוואָרן אין נאָוועמבער 1939), האָבן די יידן געמוזט אָנטאָן געלע מגן־דודס — אויף דער ברוסט און אויף דער פלייצע.

דאָס ליד „חורבן־ווארטע" (נומ. 24), מחבר אומבאַקאַנט, שילדערט דעם אומקום פון יידישן ישוב אין שטעטל ווארטע:

...מאָנטיק, אין אויגוסט פיר און צוואַנציק, ניין הונדערט
צוויי און פערציק,
איז דער טאָג פון חורבן, פון חורבן און קלאָג...

אין „חורבן־וואַרטע" ווערט באַשריבן, ווי אַזוי די היטלער־באַנדעס האָבן אַרומגערינגלט דאָס „יידן־פערטל", ווי זיי האָבן אַרויסגעיאָגט די יידן פון די שטיבער, ווי מענטשן האָבן געוויינט, איינער מיטן אַנדערן זיך געזעגנט און געקושט, ווי מען האָט די יידן אויסגעשטעלט אויפן פלאַץ צו פינף אין אַ ריי, סאָרטירט זיי אין גרופּעס, אָפּרייסנדיק מענער פון פרויען, עלטערן פון קינדער, שלאָגנדיק די קרבנות מיט קלעצער און דרענגער; ווי מען האָט די שוואכע און קראַנקע געשאָסן אויפן אָרט, און די איבעריקע — פאַרמשפּטע צום טויט — אַריינגעטריבן אין דער קירך, וווּ מענטשן האָבן זיך געשטיקט אין ענגשאַפט און אין שמוץ. בלויז א הייפל איז ביז א צייט געבליבן לעבן — די היטלעריסטן האָבן זיי אָפּגעשיקט אויף אַרבעט אין לאָדזשער געטאָ. סיי די דאַטע פון „חורבן ווארטע" (24־טער אויגוסט 1942), סיי די צאָל יידן, וואָס זענען געשיקט געוואָרן צום טויט, סיי דער פאקט, אז א טייל פון דער ווארטער יידישער באַפעלקערונג איז אָפּגעשיקט געוואָרן אין לאָדזשער געטאָ, ווערט באַשטעטיקט דורך דאָקומענטן [9].

[9] דאַנוטאַ דאָמבראָווסקא, דער אומקום פון די יידישע ישובים אין וואַרטעגאו, „ביולעטין פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט" (פּויליש), וואַרשע 1955 י., נומ. 14—13.

דאָס ליד „די ווישעדלעניע" (אויסזידלונג) פון דוד פּאַגעלמאַן (נומ. 25) שילדערט די גרויסע דעפּאָרטאַציע פון וואַרשעווער יידן אין טויט־לאַגער טרעבלינקע.

אין אַ ריי לידער (נומ. 15, 17, 18, 19, 21 א. א.) פיגורירן קאָנקרעטע היסטאָרישע פּערזאָנען, למשל: דער עלטסטער פון די יידן אין לאָדזשער געטאָ חיים מרדכי רומקאָווסקי, דער פּאָרזיצער פון דער „צענטראַלע פון יידישע עלטסטע־ראַטן אין מזרח־אויבערשלעזיע" מערין א. א.

אייניקע לידער באַשרייבן אָדער דערמאָנען באַשטימטע, רעאַלע תפיסות און לאַגערן, למשל: אַ ציקל לידער (נומ. 52, 53, 54, 55, 56) איז געווידמעט דעם קאָנצענטראַציע־ און טויט־לאַגער אין אוישוויץ-בירקענאַו (אָשוויענטשים־בזשעזשינקע), וווּ די היטלעריסטן האָבן אומגעבראַכט ביז פיר מיט אַ האַלבן מיליאָן מענטשן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, אין דער צאָל — איבער צוויי מיליאָן יידן פון אַלע אָקופּירטע לענדער. אַנדערע לידער שילדערן: נומ. 67 — דעם שטוטהאָפער קאָנצענטראַציע־לאַגער (נישט ווייט פון גדאַנסק), וווּ די היטלעריסטן האָבן אומגעבראַכט ביז 65 טויזנט מענטשן, דערפון — אַ גרויסע צאָל יידן; נומ. 47 — דעם טויט־לאַגער אין בעלזשעץ, לובלינער געגנט, וווּ עס זענען אומגעקומען 700 טויזנט מענטשן, דאָס רוב — יידן; נומ. 64 — דעם „פּאַוויאַק", די באַקאַנטע תפיסה פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע, וואָס האָט זיך געפונען אויף דזשעלנע 24 — אויפן שטח פון וואַרשעווער געטאָ. אין פּאַוויאַק האָבן זיך געפּלאָגט סיי פּוילישע, סיי יידישע אַרעסטירטע; נומ. 65 — די „מאָנטעלופּי"־תפיסה אין קראָקע, וווּ עס זענען אומגעקומען אַ סך יידן, וואָס די היטלעריסטן האָבן געכאַפּט אויף דער א. ג. „אַרישער זייט". דער לייענער וועט געפינען אין זאַמלבוך נאָך אַ ריי לידער מיט היסטאָרישע שילדערונגען און פּרטים, אָבער דערמיט באַגרענעצט זיך נישט די באַדייטונג פון די געטאָ־ און לאַגער־לידער אַלס דאָקומענט פון דער חורבן־צייט. אויך די לידער, וווּ עס ווערן נישט דערמאָנט קיין קאָנקרעטע געשעענישן און פּערזאָנען, זאָגן עדות וועגן פּסיכאָלאָגישע פּראָצעסן, וואָס זענען פאָרגעקומען אין געטאָ און לאַגער, גיבן איבער די געדאַנקען און געפילן פון די געטאָ־מענטשן, באַווייזן דעם שטייגער, דעם ספּעציפישן קלימאַט פון דער אָקופּאַציע־צייט. די דיכטונג פון געטאָ און לאַגער איז אויך אַ וויכטיקער מאַטעריאַל פאַרן פאָרשער פון יידישן פאָלקלאָר.

* *

*

יעדעס געטאָ האָט געהאַט זיין אייגענע טרויעריקע געשיכטע. ניט אַלע געטאָס זענען געווען געשלאָסן, ניט אומעטום האָבן די נאַציס אָנגעווענדט די זעלביקע מעטאָדן פון רויב און עקספּלאָאַטאַציע. פאַרשיידענע זענען געווען די טערמינען פון פאַרניכטונג. דאָך לאָזן זיך די לידער, וואָס קומען פון פאַרשיידענע שטעט און געגנטן, איינטיילן לויט זייער אינהאַלט אין טעמאַטישע גרופּן.

די גרופּע „גזירות" נעמט אַרום לידער וועגן ערשטן פּעריאָד פון דער היטלער־אָקופּאַציע. דאָס איז געווען אַ צייט פון באַזונדערע, „סטיכישע" טעראָר־אַקטן און אָרגאַניזירטע פּייניקונגען און דערנידעריקונגען, ווען די נאַציס פלעגן אונטערצינדן בתי־מדרשים, רייסן בערד און פּאות ביי אָרטאָדאָקסישע יידן, צווינגען טאָן (מערסטנטייל — אָן מכשירים, מיט הוילע הענט) עקלהאַפטע און שמוציקע אַרבעט, אַרויסטרייבן די יידישע באַפעלקערונג (אָן געלט און זאַכן) פון גאַנצע געביטן. די געלע לאַטע (אָדער דער אָרעמבאַנד מיטן מגן־דוד) — דער באַזונדערער קען־צייכן, וואָס האָט אויסגעטיילט די יידישע באַפעלקערונג פון אַלע אַנדערע מענטשן, איז געווען די ערשטע פאָרם פון איזאָלאַציע, דער ערשטער אָנזאָג פון געטאָ.

וועגן די ערשטע גזירות פאַרמאָגן מיר בלויז דריי לידער (די ערשטע באַגעגענישן מיט די היטלער־לייט זענען פאַרווישט געוואָרן אין זכרון פון די געטאָ־מענטשן דורך די שפּעטערדיקע טראַגישע געשעענישן), אַלע דריי לידער קומען פון לאָדזש — דאָ האָבן זיך, צווי. אַנדערן, אויפגעהיט מאַטעריאַלן פון די ערשטע חדשים פון דער היטלער־אָקופּאַציע.

אין דער צווייטער גרופּע גייען אַריין לידער וועגן טאָג־טעגלעכן „לעבן" אין געטאָ.

אין די געטאָס האָט די יידישע באַפעלקערונג, לויט די היטלעריסטישע פּלענער, געזאָלט געצענטלט ווערן פון הונגער, קעלט, שווערער אַרבעט און עפּידעמישע קראַנקהייטן. די אַלע דערשיינונגען זענען זייער שאַרף אַרויסגעטראָטן אין די צוויי גרעסטע געטאָס: וואַרשע און לאָדזש, ווו דער אָקופּאַנט האָט מיט דער הילף פון הויכע מויערן, שטעכל־דראָט און טויטשטראָף פאַר אַריבערגיין אויף דער א. ג. „אַרישער זייט" אָפּגעצאַמט פון דער אַרומיקער וועלט און צוזאַמענגעפּרעסט אויף אַ קליינעם שטח — אין וואַרשע ביי 500 טויזנט, אין לאָדזש — איבער 160 טויזנט יידן. די שפּייז־נאָרמעס, וואָס דער אָקופּאַנט האָט צוגעטיילט די געטאָ־איינוווינער, זענען געווען קלענער, ווי די נאָרמעס אין די תפיסות. ביז שפּעט אין דער נאַכט — דערציילט אין זיינע נאָטיצן ד"ר עמנואל רינגעלבלום — האָט מען אין

די ווארשעווער געטאָ־גאַסן געהערט דאָס געשריי פון די הונגעריקע, וואָס האָבן געבעטן א שטיקל ברויט. נישט לייכטער איז געווען די לאַגע אין לאָדזשער געטאָ. הונגעריקע און פארשמאַכטע זענען די מענטשן (אין זייער מערהייט) געזעסן אין פינצטערע און שלעכט־געהייצטע שטיבער, א ביסל „שובעכץ" (קאַרטאָפל־שאָלן), האָט זיך גערעכנט פאַר א זעלטענעם מאַכל. אויף אויפצוקאָכן א טעפל הייס וואַסער פלעגן זיך אויסשטעלן לאַנגע רייען אין די עפנטלעכע גאַז־קיכן (דער אָקופאַנט האָט באַגרענעצט נישט נאָר דעם אַריינפיר פון שפייז, נאָר אויך דעם צופלוס פון עלעקטריע, פון הייצונג און גאַז אין געטאָ).

פאַרשטייט זיך, אַז ביי אַזעלכע באַדינגונגען זענען מענטשן אין די געטאָס מאַסנוויז געשטאָרבן פון הונגער, שווינדזוכט און עפידעמישע קראַנקהייטן. אין ווארשעווער געטאָ, דערציילט עמנואל רינגעלבלום, זענען א סך קראַנקע פשוט אויסגעגאַנגען אין די גאַסן (די „ערדליגער"). „די שטערבלעכקייט איז געוואָרן אַזוי גרויס, אַז דער טויט ליגט אויף די גאַסן. קינדער האָבן שוין נישט מורא פאַרן טויט"...[10].

דער פירנדיקער מאָטיוו פון די לידער וועגן געטאָ איז הונגער. וועגן הונגער האָט מען געשריבן סיי טרויעריקע, סיי לייכטע לידער, ווו מען האָט זיך אַ ביסל געמאַכט פריילעך איבער די אייגענע צרות[11].

אויפן פאָן פון אַלגעמיינעם הונגער איז אַ באַזונדערס טראַגיש קאַפּיטל די געשיכטע פון עלטערן און קינדער אין געטאָ. מאַמעס און טאַטעס האָבן אַליין נישט געגעסן און אָפּגעגעבן זייער שטיקל ברויט די קינדער. דאָס מסירת־נפש פון יידישע טאַטע־מאַמע, וואָס האָבן זיך מקריב געווען פאַר זייערע קינדער, האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין די לידער פון געטאָ און לאַגער.

...און אַז ס'האָט די מאַמע אינדערשטיל אָפּגעגעבן איר חלק ברויט

די ייִנגסטע פון איר לייב,

10 עמנואל רינגעלבלום, ווי פריער, ז. 137.

11 אַלס ביישפּיל פון א לייכט ליד וועגן צרות קאָן דינען דאָס באַקאַנטע „שנאָריטע" פון חנה חייטין, פאַרעפנטלעכט אין דער אויסגאַבע „לידער פון די געטאָס און לאַגערן", טעקסטן און מעלאָדיעס געזאַמלט: ש. קאַטשערגינסקי, רעדאַגירט: ה. לייוויק, ציקאָ־ביכער־פאַרלאַג, ניו־יאָרק 1948 י.

פאַר די מיט די ווייבע בײנדעלעך נאָך, וואָס זענען געקראָכן
אויף דער ערד
און אַליין פון שוואַכקייט געמוזט זיך לייגן אין בעט —
זענען מיר, די עלטערע פון שטוב, צוגעשטאַנען צו איר:
„מאַמע, עס אַליין, מ אַ מ ע! [12]

אין געטאָ, ווו די דערוואַקסענע זענען אָפגעשניטן געוואָרן פון די פרנסה-מקורים, זענען די קינדער נישט זעלטן געוואָרן די שפּייזער פון גאַנצע משפחות. אַ כאַראַקטעריסטישע פיגור אין וואַרשעווער געטאָ, ווו עס איז אָנגעגאַנגען אַן אומלגאַלער שפּייז-שמוגל פון דער א. ג. „אַרישער זייט", איז געווען דער קליינער שמוגלער. קליינע קינדער פלעגן דורכקריכן דורך לעכער אין געטאָ-מויער, קעלערן און בוידעמער, זיי האָבן געוווסט, ווי אָפּצונאַרן די וואַך, זיך אַרויסגנבענען אויף „יענער זייט" און קומען צוריק מיט אַ שטיקל ברויט פאַר דער הונגערנדיקער משפחה. נישט זעלטן פלעגט אָבער די קויל פון וואַכמאַן אָניאָגן דעם קליינעם פאַרזאָרגער פון דער פאַמיליע, און די מאַמע האָט אומזיסט געוואַרט אויף איר קינד.

אין וואַרשעווער געטאָ האָט מען געזונגען אַ ליד פון דער יידיש-פּוילישער דיכטערין הענריקאַ לאַזאָווערט וועגן דעם קליינעם שמוגלער, וואָס איז געפאַלן ביי דער מויער פון געטאָ, געטראָפן פון אַ היטלעריסטישער קויל:

...כ'וועל מער צוריק נישט קומען,
בלייבסט, מאַמע, אַליין אַצינד,
די גאַס וועט שוין פאַרשלינגען
ס'געשריי פון דיין ליב קינד.

אין זאַך פאַרשאַפט מיר זאָרגן,
נישט דלות, פּיין און נויט,
נאָר ווער וועט, מאַמע, מאָרגן
דיר ברענגען דאָס שטיקל ברויט? [13]

---

[12] מענדל מאַלטשאַצקי (לאָדזשער געטאָ), „הונגער" (נומ. 7).

[13] דער פּוילישער טעקסט פון „קליינעם שמוגלער" פון הענריקאַ לאַזאָווערט געפינט זיך אין אַרכיוו פון ייה"א. אויסצוגן פון דער יידישער איבערזעצונג (פון א. זיעלאָני) ציטירן מיר לויט „לידער פון די געטאָס און לאַגערן" פון ש. קאַטשערגינסקי — ה. לייוויק.

א צווייטער וויכטיקער מאָטיוו פון געטאָ־ציקל איז צ וו א נ ג ס־אַ ר ב ע ט. דער אָקופּאַנט האָט זיך באַמיט אויסצונוצן — ביז דער אויסראָטונג — די אַרבעטס־קראַפט פון דער יידישער באַפעלקערונג, די הענט פון די יידישע בעלי־מלאכות. אין פאַרשיידענע געטאָס זענען געשאַפן געוואָרן וואַרשטאַטן — „שאָפּן“ אין וואַרשעווער געטאָ, „רעסאָרטן“ אין לאָדזשער געטאָ א. א. וו., וווּ יידישע פאַכלייט האָבן פאַר א הונגער־לוין געהאָרעוועט פון פאַרטאָג ביז ביינאַכט, פּראָדוצירנדיק סחורות (אין א גרויסן אַסאָרטימענט — פון פּרעציזע מכשירים ביז קאָנפעקציע) אויף דער באַשטעלונג פון דייטשישע אונטערנעמונגען אָדער פון דער אָקופּאַציע־מאַכט. אחוץ דעם איז די יידישע אַרבעטס־קראַפט אויסגענוצט געוואָרן אויף „פּלאַצוווקעס“ (שטעלן) אין שכנות פון געטאָ, ווי אויך אין ספּעציעלע אַרבעטס־לאַגערן. וועגן צוואַנגס־אַרבעט אין געטאָ גופא האָבן מיר בלויז צוויי לידער, ביידע פון לאָדזש: וועגן „רעסאָרט“ (נומ. 13) און וועגן פירן פעקאַליע (נומ. 14. דאָס לאָדזשער געטאָ איז נישט געווען קאַנאַליזירט). די שווערע און שמוציקע אַרבעט פון פירן פעקאַליע האָבן מערסטנטייל געמוזט אויספירן מענטשן, וואָס האָבן זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט פאַר דער געטאָ-אַדמיניסטראַציע (שטרייקער א. א. וו.). דער מאָטיוו פון צוואַנגס-אַרבעט וועט זיך ווידער איבערחזרן אין ווייטערדיקן ציקל „ל אַ ג ע ר“.

א באַזונדער אָרט אין געטאָ־ציקל פאַרנעמען די ח ו ז ק־ל י ד ע ר, געשריבן געוויינלעך אויף אַקטועלע טעמעס פון געטאָ־לעבן. די דאָזיקע לידער שפּיגלען אָפּ די שטימונגען אין געטאָ, און אין דער ערשטער ריי — די באַציונג פון דער מאַסע צו דער יידישער אַדמיניסטראַציע און צו דער יידישער פּאָליצײ. צו אונדז איז דערגאַנגען א ריי אַזוינע לידער, וואָס מען האָט געזונגען אין די גאַסן, אין די הויפן פון לאָדזשער געטאָ (נומ. 15, 16, 17, 18, 19); עס איז גענוג איבערפלעכלעך זיך צו באַקענען מיט די דאָקומענטן פון לאָדזשער געטאָ, כדי זיך צו איבערצייגן, אז דער אָפּיציעלער סטיל, וואָס האָט געהערשט אין באַצוג צום דעם. יידן־עלטסטן“ — חיים מרדכי רומקאָווסקי, וועלכער איז געשטאַנען בראש פון דער יידישער אַדמיניסטראַציע אין לאָדזשער געטאָ, איז געווען אומבאַגרענעצטע חניפה. מיט דעם דאָזיקן סטיל זענען געשריבן די פּאַנעגיריקס אין דער לאָדזשער „געטאָ-צייטונג“, אין דעם זעלביקן סטיל זענען איינגעהאַלטן טויזנטער בקשות צום יידן־עלטסטן, צווישן וועלכע עס געפינט זיך א גרעסערע צאָל געשריבענע אין גראַמען. מען דאַרף, נאַטירלעך, פאַרשטיין די אומגליקלעכע, וואָס האָבן זיך געווענדט נאָך אַרבעט, נאָך שטיצע, געבעטן באַפרייען

א מאן פון דער געטאָ־תפיסה, צי א קינד פון דער דעפּאָרטאַציע. מיר ווילן אָבער אונטערשטרייכן דעם קאָנטראַסט צווישן דעם אָפּיציעלן חניפה־טאָן און דעם טאָן פון חוזק און פאַרביטערונג, וואָס קלינגט אין די לידער וועגן רומקאָווסקין, וועגן די „שישקעס" (העכערע באַאַמטע פון דער געטאָ־אַדמי־ניסטראַציע), וועגן דער יידישער פּאָליציי, וועלכע מען האָט געזונגען אין גאַס.

ביי אַלע אומגליקן פון געטאָ — הונגער, עפּידעמיעס, צוואַנגס־אַרבעט, איז נאָך די היים — זאָל זיין אין ענגע, א קאַלטע און א פינצטערע — נישט געווען צעשטערט. די היטלער־מאַכט האָט אָבער באַטראַכט די געטאָס בלויז ווי אן איבערגייענדיקע זאַך. אין דער צווייטער העלפט 1941 י. זענען שוין די נאַציס צוגעטראָטן צו דער פיזישער אויסראָטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג. די גרעסטע כוואַליע פון מאַסן־מאָרד האָט זיך אָבער אָנגע־רוקט אין פרילינג — זומער — האַרבסט 1942 י., ווען עס איז אומגעבראַכט געוואָרן — אין די טויט־לאַגערן און אין מאַסן-דערשיסונגען — 90 פּראָ־צענט פון דער יידישער באַפעלקערונג פון די אָקופּירטע געביטן. זומער און האַרבסט 1942 האָבן, צוזאַמען מיט אַלע יידישע ישובים, געבלוטיקט די צוויי גרעסטע געטאָס — אין וואַרשע און אין לאָדזש. פון 22־טן יולי ביזן 21-טן סעפּטעמבער 1942 האָט געדויערט די גרויסע דעפּאָרטאַציע פון 300 טויזנט יידן פון וואַרשעווער געטאָ. טויזנטער וואַרשעווער יידן האָט מען יעדן טאָג געטריבן אויפן „אומשלאַג־פּלאַץ" (איבערלאַדונגס־פּלאַץ) אויף סטאַווקי- און ניזקע גאַסן, פון דאַנען פלעגן די אָנגעלאָדענע צוגן אָפּגיין אין טרעבלינקער טויט-לאַגער.

פון 5־טן ביזן 12־טן סעפּטעמבער 1942 האָט געדויערט די „שפּערע" אין לאָדזשער געטאָ, ווען די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג איז געזעסן פאַר־מאַכט אין די שטיבער און די נאַציס פלעגן גיין פון הויף צו הויף און אָפּקלייבן צום טויט עלטערע מענטשן און קליינע קינדער[14].

די גירושים צום טויט האָבן אַרויסגערופן א גאַנצע כוואַליע פון טרויער־ און קלאָג־לידער (דער ציקל „חורבן"), אין וועלכע די „גליקלעכע אומגליקלעכע", ווי עס רופט זיי אָן דער אומבאַוווסטער מחבר פון „חורבן-וואַרטע", די, וואָס זענען ביז א צייט געבליבן לעבן — אין געטאָ גופא, צי

[14] ביז סעפּטעמבער 1942 י. זענען אומגעבראַכט געוואָרן איבער 60 טויזנט יידן פון לאָדזשער געטאָ. בעת דער „שפּערע" זענען אומגעקומען ביז 16 טויזנט עלטערע מענטשן און קינדער.

אין לאגער, אין די בונקערס, צי אין די „קריוווקעס״ (באַהעלטענישן), באַוויינען זייערע נאָענטסטע און ליבסטע, זייער צעשטערטע און פאַרלוירענע היים.

נישטאָ מער קיין מאַמע, קיין טאַטע, נישטאָ מער קיין
טרייסט...
ווו זענען אונדזערע עלטערן, שוועסטער און ברידער —
ווו רוען זייערע ביינער, ווו ליגן זייערע גלידער?
ווער ווייסט, ווער ווייסט... [15]

אין די לידער וועגן דער פאַרלוירענער היים פיגורירט כמעט קיינמאָל נישט די צאָל אומגעבראַכטע — די מחברים פון געטאָ האָבן נישט געציילט די קרבנות. יעדער האָט באַוויינט זיין אייגענעם אומגליק — זיין מאַמען, זיין טאַטן, זיין פרוי און קינד, שוועסטער און ברידער. דערפאַר זענען די דאָזיקע, אָפטמאָל אומבאַהאָלפענע לידער אַזוי איבערציגעוודיק און אויפטרייסלענדיק אין זייער אמתדיקייט און אויפריכטיקייט. דער הויפּט-מאָטיוו פון די דאָזיקע יתומים־לידער איז דאָס געפיל פון עלנטקייט, פאַרלאָזטקייט און איינזאמקייט; אָבער צוגלייך מיט טרויער קלינגט אין די לידער דאָס קול פון פּ ר אָ ט ע ס ט, פון צאָרן, אָפטמאָל דער בונט קעגן גאָט און דער רוף צו נקמה. דער מאָטיוו פון קאַמף און נקמה אין דער געטאָ- און לאַגער־דיכטונג איז ענג פאַרבונדן מיט אַנדערע מאָטיוון. אין דער ערשטער ריי — מיט די מאָטיוון פון גירוש און אומקום.

...הערט, הערט! קולות, שטימען פון קינדער,
אַוועקגעלייגט ווי סטאַדעס רינדער,
בלוט אַרום און אומעטום,
עס קאָכט, עס זידט, עס רופט:
נקמה! נקמה! נקמה! [16]

דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, די באַוואָפנטע אַרויסטרעטונגען אין ביאַליסטאָק, טשענסטאָכאָוו, בענדין, אין די טויט־לאַגערן אין טרעבלינקע און סאָביבאָר, דער אָנטייל פון יידן אין די פּאַרטיזאַנער-קאַמפן, אין דער ווידערשטאַנד-באַוועגונג אין פּוילן, ליטע, ווייסרוסלאַנד, אוק־

[15] „חורבן וואַרשע“ (נומ. 24).
[16] ריינהאַרץ איססעל, „אַן אַקציע אין ס.ס.־לאַגער“ (נומ. 37).

ראינע, אין די מערב־אייראָפּעישע לענדער, די צאָלרייכע אַרויסטרעטונגען פון אינדיווידועלן ווידערשטאַנד, האָבן באַשײַנפּערלעך באַוויזן, ווי שטאַרק עס איז געווען אין געטאָ דער דראַנג צום קאַמף און נקמה.

אין דעם ציקל „ת פ י ס ה — ל אַ ג ע ר" גייען אַרײַן לידער וועגן תפיסות, אַרבעטס־לאַגערן פון דעם ערשטן פּעריאָד פון דער היטלער־אָקופּאַציע, וואָס האָבן עקזיסטירט פּאַראַלעל מיטן געטאָ, ווי אויך לידער וועגן די לאַגערן, וווּ עס זענען געפּייניקט געוואָרן די לעצטע יידן שוין נאָך דער ליקווידאַציע פון די געטאָס.

נאָך איידער עס איז געקומען די אַלגעמיינע אויסראָטונג, זענען צענדליקער טויזנטער יונגע יידישע מענער און פרויען אַרויסגעריסן געוואָרן פון דער היים און פאַרשיקט אָדער פאַרנאַרט געוואָרן אין די ארבעטס־לאַגערן, וווּ זיי האָבן געהאַקט וועלדער, געטריקנט בלאָטעס, געבויט וועגן, אַעראָדראָמען א. א. וו. צוליבן מערדערלעכן טעמפּ פון דער ארבעט, הונגער, קעלט און שמוץ, קלעפּ און פּייניקונגען, זענען די יידישע צוואנגס־ארבעטער מאסנווייז אויסגעשטאָרבן אָדער געוואָרן קאַליקעס.

נאָך דער ליקווידאַציע פון די געטאָס האָט זיך נאָך אַ טייל יידן — געווינג'ען זענען עס געווען די יונגע, שטאַרקע און ארבעטספעיקע, וואָס מען האָט ביז א צייט געלאָזן לעבן — געפּלאָגט ביי עבודת פרך אין די היטלעריסטישע קאצעטן.

דער גאַנצער רעזשים פון היטלעריסטישן קאַצעט איז געווען אָנגעשטעלט אויף צעברעכן דעם מענטש נישט נאָר פיזיש, נאָר אויך גייסטיק, דערשטיקן אַלע מענטשלעכע געפילן, אַחוץ שרעק, הונגער און פיזישן ווייטיק. דער סימבאָל פון דער היטלעריסטישער „דעהומאַניזאַציע" איז געווען דער געשטרייפטער לאַגער־בגד (דער „פּאַסיאַק"), וואָס עס האָבן געטראָגן די אסירים פון די נאַצישע לאַגערן.

אין די טויזנטער זענען זיי געשטאַנען צום אַפּעל — אָט די „פּאַסיאַקעס" — אַלע גלייך געשוירענע, אויסגעצערטע, דערשלאָגענע. עס האָט זיך געקאָנט אויסדוכטן, אַז זיי האָבן פאַרלוירן זייער מענטשלעך פּנים, אַז זיי אונטערשיידן זיך צווישן זיך בלויז מיטן נומער, וואָס איז אויסגעשטאָכן אויף דער האַנט און אָנגעשריבן אויפן „ווינקל" פון לאַגער־בגד.

אָבער ביינאַכט, אין בלאָק, ווען מען פלעגט זיך נאָך אַ טאָג שווערע פּראַצע, אָפּטמאָל דורכגענעצט און פאַרפרוירן, אַרויפכאַפּן אויף דער ענגער

נאַרע, פלעגט דער „העפטלינג״, דער נומער, ווערן צוריק א מענטש, חלומען פון דער פרייַ, פון זײַנע נאָענטסטע און ליבסטע. באַהאַלטענערהייט פארפאסט מען דאָ לידער פול מיט טיפן טרויער, אומדרייסטער און צאַפּל־דיקער האָפענונג און בענקשאַפט. זייער כאַראַקטעריסטיש פאר די שטימונ־גען אין לאַגער איז דאַס ליד „דאָס שטעטל קאָנסטאַנטין״ (נומ. 55), ווו עס חזרט זיך כסדר איבער דער ריפרען: „מאַמע, איך בענק נאָך דיר!״

אין יענע טרויעריקע צייטן האָט מען פאַרפאַסט לידער וועגן דער רויטער ארמיי, וואָס האָט פארקערפערט די האָפענונגען אויף באַפרייונג און אויסלייזונג.

...עס העלפט נישט קיין וויינען, עס העלפט נישט קיין שרייען,
ווו זײַנען אונדזערע חברים, זיי זאָלן אונדז באַפרייען.[17]

בלויז געציילטע האָבן דערלעבט די געגארטע און אויסגעבענקטע פרייהייט. די מערהייט פון די, וואָס זענען צוריקגעקומען, האָבן קיינעם נישט געפונען אין דער היים, און אַפילו די קברים פון זייערע אייגענע האָבן זיי אויך נישט געוווסט, ווו צו זוכן.

...אָט דאָ שטעל איך אייערע מצבות,
מיינע ליבע עלטערן, שוועסטער און ברידער,
איך, דער איינציקער מיטגליד פון דער גאַנצער משפחה,
געבליבן אין מיטן ים ווי אַ שיף אָן אַ רודער.

...אַ קבר איז מיר יעדער שטיין און ביין,
אין יעדעם אָרט, ווו איך שטעל מיינע טריט
אין יעדעם ביסעלע אַש...[18]

אַזאַ איז דער שלום־מאָטיוו פון די לידער וועגן געטאָ און לאַגער. און דאָך רופט אַרויס די יידישע פאָלקס־דיכטונג פון דער חורבן־תקופה נישט בלויז געפיל פון טרויער און פאַרצווייפלונג: מיט זייער אמתדיקער, רירנ־דיקער מענטשלעכקייט פארלייקענען די לידער פון געטאָ און לאַגער די

---

17 עדזשיע וויטמאַן, „עס דרימלט דאָס געטאָ״ (נומ. 23).
18 שבע גלאַז־ראָזנבלום „מצבות״ (נומ. 71).

היטלעריסטישע טעאָריעס פון „אונטערמענטשן“, פון פאראכטונג און פעלקער־שנאה.

פארשיידן זענען געווען די וועגן פון יידישן ווידערשטאַנד. דאָס פאר־פאסן, לייענען און זינגען לידער איז געווען איינער פון זיי, איינע פון די פאָרמען פון פסיכישן ווידערשטאַנד.

*  *
*

דאָס זאַמלבוך איז געווידמעט דער שאַפונג פון מחברים, וואָס זענען נישט געווען קיין באַרופענע פּאָעטן.

אַלע לידער זענען גענומען פון ארכיוו פון יידישן היסטאָרישן אינ־סטיטוט (ייה״א) אין וואַרשע. בלויז דריי לידער (נומ. 35, 45, 63) זענען איבערגעדרוקט פון דער אויסגאַבע „ממעמקים“ [19], וואָס איז שוין היינט אַ ביבליאָגראַפישע זעלטנהייט.

מיר באַטראַכטן נישט אונדזער זאמלבוך ווי אַן אויסשעפנדיקע אַנטאָלאָגיע, נאָר בלויז ווי אַ צושטייער צום דערקענען די ליטעראַרישע שאַפונגען פון פשוטע יידן אין די געטאָס און לאַגערן. דעריבער האָבן מיר זיך באַמיט אַריינצוגעבן אין זאַמלבוך בלויז לידער (אָדער וואַריאַנטן פון לידער), וואָס זענען נאָך נישט באַקאַנט. וואַריאַנטן פון געוויסע לידער (נומ. 9, 10, 22, 26, 28, 29, 31, 32, 36) זענען פאַרעפנטלעכט אין דער אַנטאָלאָגיע „לידער פון די געטאָס און לאַגערן“ פון ש. קאַטשערגינסקי — ה. לייוויק. אַ וואַריאַנט פון נומ. 22 איז אויך אָפּגעדרוקט אין דער אויסגאַבע „פון לעצטן חורבן“ [20], מיר ברענגען אַנדערע וואַריאַנטן פון די אויבנדערמאָנטע לידער. ליידער פאַרמאָגן מיר נישט קיין ביבליאָגראַפיע פון דער געטאָ- און לאַגער־דיכטונג, מיר גלויבן אָבער, אז אין דעם באַנד געפינט זיך אַ גרע־סערע צאָל לידער (אָדער וואַריאַנטן פון לידער), וואָס זענען נאָך אין ערגעץ נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

די זאמלונג פון געטאָ־ און לאַגער-לידער אין ייה״א ציילט איבער 1000 פּאָזיציעס (אַריינרעכנענדיק די שאפונגען פון באַקאַנטע, אַנערקענטע

---

[19] ממעמקים — פאָלקס־לידער פון לאַגערס און געטאָס אין פוילן, געזאַמלט פון יהודה אייזמאַן, ביבליאָטעק „החלוץ“ בוקארעשט, 1945 י.

[20] „פון לעצטן חורבן“, מינכען, מאי 1948 י. נומ. 7.

דיכטער, ווי יצחק קאצענעלסאָן, וולאַדיסלאַוו שלענגעל פון וואַרשעווער געטאָ, שמחה בונים שאַיעוויטש, ישעיהו שפּיגעל א. א. פון לאָדזשער געטאָ, מרדכי געבירטיק פון קראָקעווער געטאָ א. א., וועגן וועלכע עס האָט גע־שריבן בער מאַרק אין זיין בוך וועגן די אומגעקומענע שרייבער פון די געטאָס און לאַגערן [21]). קלאָר, אַז א סך לידער פון דער חורבן־צייט זענען פאַרפאַלן געוואָרן צוזאַמען מיט זייערע מחברים, אַז ווייט נישט אַלע געטאָס און לאַגערן זענען פאַרגעשטעלט — סיי אין דער לידער־זאַמלונג פון ייה״א, סיי אין אונדזער זאַמלבוך.

איבער א העלפט פּאָזיציעס פון דער לידער־זאַמלונג פון ייה״א (478 לידער פון 121 מחברים און 58 לידער, וואָס זייער אויטאָרשאַפט איז אומ־באַקאַנט אָדער נישט פעסטגעשטעלט) זענען געשריבן אין יידיש. ביי 400 (דער עיקר פון וואַרשעווער, לאָדזשער און קראָקעווער געטאָ) — אין פּויליש, איינצלנע — אין העברעיש, דייטש און פראַנצויזיש. אין זאַמלבוך זענען אַריין בלויז יידישע לידער, מיטן אויסנאַם פון דריי (נומ. 2, 54, 57), וואָס זענען איבערזעצט פון פּויליש. די פּוילישע לידער, וואָס געפינען זיך אין אַרכיוו פון ייה״א, פאָדערן אויף א באַזונדער זעלבשטענדיקער אויסגאַבע.

די צאָל לידער, וואָס איז אַריין אין אונדזער זאַמלבוך איז, פאַר־שטענדלעך, באַגרענעצט מיט די ראַמען פון דער אויסגאַבע. מיר האָבן אויסגעוויילט די, וואָס באַווייזן, לויט אונדזער מיינונג, צומבעסטן דאָס לעבן, דעם שטייגער, די שטימונגען, די אַטמאָספער, די פּסיכאָלאָגישע פּראָצעסן אין געטאָ און לאַגער.

ביי דער איינטיילונג אין טעמאַטישע גרופּן שפּיגלען די לידער אָפּ די געשעענישן אין זייער אַנטוויקלונג, איין ליד דערגאַנצט דאָס אַנדערע און אַלע צוזאַמען העלפן שאַפן זיך א פאַרשטעלונג וועגן דער חורבן־צייט.

אין זאַמלבוך זענען אַריין לידער פון פאַרשיידענע געטאָס און לאַגערן, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער טעריטאָריע פון אָקופּירטן פּוילן, פון די אָקופּירטע געביטן פון ראַטנפאַרבאַנד, ווי אויך פון לאַגערן אויף דער טעריטאָריע פון טשעכיע און דייטשלאַנד. אויפן ערשטן אָרט לויט דער צאָל לידער שטייט לאָדזש, וווּ דאָס געטאָ האָט עקזיסטירט ביז זומער 1944

---

[21] בער מאַרק, אומגעקומענע שרייבער פון די געטאָס און לאַגערן, פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע, 1954 י.

(אַן ערך 5 חדשים ביז דער באַפּרייונג), און די היטלעריסטן האָבן, צוליבן פּלוצלינגן און אומגעריכטן אָנגריף פון דער סאָוויעטישער און פּויליש׳ער אַרמיי, נישט באַוויזן צו פאַרניכטן די אַרכיוון. אויפן שטח פון געוועזנעם לאָדזשער געטאָ זענען געפונען געוואָרן די לידער נומ.: 3, 4, 5, 6, 7, 11, 12, 13, 14, 18, 19, 20, 39, 43. דער גורל פון די מחברים פון די דאָזיקע לידער איז אונדז נישט באַקאַנט. א געוויסע צאָל לידער האָט זיך אויפגעהיט אין ערשטן טייל פון אונטערערדישן ארכיוו פון ווארשעווער געטאָ (א. ג. „רינגעלבלום־ארכיוו״), וואָס איז אויסגעגראָבן געוואָרן אונטער די חורבות אויף נאָוואָליפּקי־גאַס 68 (אין זאַמלבוך זענען אַריין די לידער נומ. 8, 9). אין רינגעלבלום־אַרכיוו האָבן זיך אויך אויפגעהיט פראַגמענטן פון נומ. 19, וואָס איז געפונען געוואָרן אין געוועזנעם לאָדזשער געטאָ.

א ריי לידער האָבן אויפגעהיט (אָדער רעסטאַוורירט אין זכרון) די מחברים אַליין — די, וואָס זענען ניצול געוואָרן פון די היטלעריסטישע לאַגערן, זענען צוריקגעקומען פון דער א. ג. „אַרישער זייט״ און פון פּאַרטיזאַנער אָפּטיילונגען דאָס זענען: נומ. 1, 2, 15, 16, 17, 25, 52, 53, 57, 59, 60, 61, 64, 66, 67, 68, 69, 70, 71.

דורך אָפּשריפטן און בעל־פה זענען דערגאַנגען די לידער נומ.: 10, 21, 22, 23, 24, 26, 27, 28, 29, 30, 31, 32, 33, 34, 36, 37, 38, 40, 41, 42, 44, 46, 47, 48, 49, 50, 51, 54, 55, 56, 58, 62, 65. וועגן גורל פון די מחברים האָבן מיר (מיט געוויסע אויסנאַמען, וואָס זענען באַצייכנט אין טעקסט), נישט קיין ידיעות.

די לידער־זאַמלונג פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט איז אַנטשטאַנען כמעט אינגאַנצן אין די יאָרן 46 — 1945, ווען דאָס זאַמלען מאַטעריאַלן וועגן דער אָקופּאַציע־צייט האָט געטראָגן א ברייטן געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער. די צענטראַלע יידישע היסטאָרישע קאָמיסיע, וועלכע איז אין 1947 י. רעאָרגאַניזירט געוואָרן אין יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט, האָט באַקומען אַ סך לידער פון פּריוואַטע זאַמלער, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין דערפאַרונג אין זאַמלען היסטאָרישע מאַטעריאַלן. דעריבער האָט די קאָמיסיע באַקומען אַ סך לידער אָן פינקטלעכע „מעטריקעס״, אָן אַ פינקטלעכער באַצייכענונג, ווער עס איז דער מחבר, ווו דאָס ליד איז אַנטשטאַנען, ווו מען האָט עס געלייענט אָדער געזונגען, ווו און ביי וועמען מען האָט עס אויפגענומען. אין א ריי פאַלן האָט זיך אונדז (נישט זעלטן נאָך לאַנגע זוכענישן) אויפן סמך פון אינהאַלט איינגעגעבן פעסטצושטעלן,

פון וועלכער שטאָט עס שטאַמט דאָס ליד און וועלכע געשעעניש עס באַשרייבט, די ידיעות וועגן די מחברים זענען אָבער מערסטנטייל פראַגמענטאַריש.

מיר לאָזן אַרויס אונדזער זאמלבוך מיט דער האָפענונג, אַז די לייענער וועלן דערגאַנצן און קאָריגירן די ידיעות וועגן די מחברים פון געטאָ און זייערע לידער.

**רוטע פופס**

## 1. נישט מיין שולד די טרויער־לידער...

ניט מיין שולד די טרויער־לידער,
נישט מיר איז ליב אַזוי צו שרייבן,
איך ליג אַוועק דעם קאָפּ אַ מידע,
אָנגעלאָדן פול מיט לײדן.

איך ליג אַוועק דעם קאָפּ אַ מידע,
קומען צו מיר צוגיין צו גאַסט
מיינע אומעט־ברידער — לידער,
אָנגעלאָדן פול מיט לאַסט.

דאָס וויין־געזאַנג איז נישט מיינס,
ס'האָט אַ צייט געזאַנג געבוירן,
גרויע, שוואַרצע, טויבע טענער
האָבן דורכגעקרעכצט דורך לאַגער־מויערן.

ס'איז אַ פרוכט פון צייט געבוירן,
די פרוכט געשפּייזט האָט מיינע יאָרן,
און ווען איך ליג דעם קאָפּ אַנידער,
פאַרוועבן מיר זיך אומעט־לידער...

שבע גלאַז־ראָזנבלום

די דיכטערין שטאַמט פון ראַדאָשיץ, געווען אין לאָדזשער געטאָ, פארשיקט געוואָרן אין א ריי היטלעריסטישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, צווישן אַנדערן אין אוישוויץ (זע ז. 143) און שטוטהאָף (זע ז. 174).

## 2. אַ שפּור אויף דער וואַנט

פּראַקסיע דימיטרוק, פּראַקסיע, פּראַקסיע!
האָסט פאַרשריבן מיט דיין נאָמען אַלע ווענט.
צי טוט דיר וויי, וואָס דו וועסט סתּם־אַזוי פאַרבלייען
און ווילסט דורך עמעצן כאָטש זיין אַמאָל דערקענט?

די ווערסט זיך, עס זאָלן נישט פאָריבער דיינע יאָר
אינגאַנצן אָן אַן עבֿאָ, אַזעלכע איבעריקע און אַזעלכע פריע,
און ווילסט, עס זאָל נאָך דיר פאַרבלייבן כאָטש אַ שפּור —
פּראַקסיע דימיטרוק, פּראַקסיע, פּראַקסיע...

ווי גוט כ׳פאַרשטיי דיך, רוסיש מיידל מיין,
מיט דעם שמעקנדיק־גראַציעזן נאָמען פון אַ ליליע.
ווי גוט איך קען דיך, ווי נאָענט כ׳פיל דיין פיין —
פּראַקסיע דימיטרוק, פּראַקסיע, פּראַקסיע...

### העניע און אילע קאַרמעל

לאַגער „האסאַג“ אין לייפּציג. 1944 יאָר.
פון פּויליש: דוד ספאַרד

די שוועסטער קאַרמעל פון קראָקע — יונגע מיידלעך, וואָס האָבן אָנגעהויבן שרייבן בעת דער אָקופּאַציע, זענען פאַרשיקט געווען אין אַ ריי היטלעריסטישע לאַגערן: פּלאַשוו (ביי קראָקע), סקאַרזשיסקאַ־קאַמיענאַ (נישט ווייט פון טשענסטאָכאָוו), לייפּציג. בעת דער געצוווּנגענער עוואַקואַציע פון לייפּציגער לאַגער זענען די שוועסטער קאַרמעל אַרונטערגעפאַלן אונטער אַ דייטשישן טאַנק און שווער פאַרווונדעט געוואָרן. נאָך דער מלחמה זענען זיי אַריבערגעפאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, וווּ די יינגערע (אילאָנע קאַרמעל) שרייבט און דרוקט זיך אין ענגליש.

# די ערשטע נגישות

## 3. די געלע לאַטע

(פֿראַגמענט)

אין דעם 16־טן ליסטאָפּאַד קומט אַ נייעס,
מ׳זעט שוין ווידער אין די ראָגעס בלעטלעך קלעבן,
אַז אַ יידעלע גייט פֿאַר אַכטע אינדערפֿרי אין גאַס
איז ער שוין נישט געזיכערט מיטן לעבן.

נאָך האַלב פֿינף אַוויגער פֿאַרנאַכט,
מוז מען לאָזן אַלע קונים שטיין,
די געשעפֿטן מוזן ווערן שנעל פֿאַרמאַכט,
ווייל מ׳יאָגט זיך וואָס שנעלער אַהיים צוגיין.

ווער ס׳באַמערקט נישט אַהיים גיין, דאַרף לויפֿן.
ס׳האָט אויסגעזען פּונקט אַזוי ווי ס׳חורבן,
מ׳דאַנזשעט [1] נישט עפּעס עבן איינצוקויפֿן,
ווייל מ׳האָט מורא, מ׳זאָל נישט פֿאַלן אַ קרבן.

אויב אַ קינדעלע וועט נישט דעם ראָזקאַז [2] דערפֿילן,
וועלן די עלטערן האָבן פֿיל פֿאַרדרוס,
מיט אַ יידעלע טוען זיי זיך נישט שפּילן,
פֿאַר אַ ליאַדע יוזס ווערט ער מאָמענטאַל דערשאָסן.

כאָטש די יינגערע האָט אַ ביסעלע געזינדיקט,
ס׳איז נישט געווען דער עלטערנס ווילן,
פֿיל קרבנות האָבן געליטן שוין אומשולדיק,
ער האָט געהייסן פֿאַרברענען אַלע שולן.

עס קומט אַ שבת, טוען די סוחרימלעך פיל עבירות,
דעריבער דעם ליידן מיר, אַלע טאַטעס,
אויף דעם 18־טן ליסטאָפּאַד האָט מען אַרויסגעגעבן די גזירה,
אַז אַלע יידעלעך מוזן טראָגן געלע לאַטעס.

די געלע קאָליר סחורות האָבן פיל סוחרים געזוכט,
נישט צוליב אונדזער פאַרגעניגן.
דעם ערשטן טאָג זענען מענטשן אַרומגעלאָפן ווי אַ רות,
ביז זיי האָבן שוין דאָס געלע בענדעלע געקריגן.

ווען מ'האָט געזען דאָס געלע בענדעלע פאַר די אויגן,
ס'האָט דעמלט נישט געהאַנדלט זיך וועגן געלט,
מ'האָט בלויז געקלערט, צי דאָס וועט שוין טויגן,
וואָס נאָך צרות מיט ליידן אויף דער וועלט.

מחבר אומבאַקאַנט
לאָדזשער געטאָ

דעם 14 נאָוועמבער („ליסטאָפּאַד”) 1939 יאָר האָט די אָקופּאַציע־מאַכט אַרויסגעגעבן א פאַרבאָט פאר דער לאָדזשער יידישער באַפעלקערונג אונטער דער דראָונג פון טויט־שטראָף — אַרויסצוגיין אין גאַס פון 5 אַזייגער פארנאַכט ביז אכט פרי.

דעם 18 נאָוועמבער 1939 איז אין לאָדזש איינגעפירט געוואָרן א געלער אָרעמבאַנד אַלס קענצייכן פאַר דער יידישער באַפעלקערונג. שפּעטער איז דער אָרעמבאַנד פארביטן געוואָרן מיט א געלן מגן־דוד אויף דער ברוסט און אויף דער פּלייצע.

---

1 ראָגזשען (פּויליש) — באַוויזן.
2 ראָזקאַז — באַפעל.

## 4. דאָס טרויעריקע געטאָ

(פראַגמענט)

ווען דער 13-טער גרודזיען איז אָנגעקומען,
האָט מען אָנגעהויבן אַלע יידעלעך צו יאָגן.
מ'האָט אַראָפּגעשיקט צו אונדז דעם המנען פון הימל,
דאָ העלפט שוין נישט אונדזער וויינען און קלאָגן.

פיל מענטשן האָבן דעם ראָזקאַז נישט געגלויבט,
זענען זיי געלאָפן פרעגן זיך אין דער גמינע.
פון די צרות זענען זיי אַזוי שטאַרק ווי אַ לייב,
אַז זיי האָבן נישט דאָרט אַ האַרץ-שלאַג באַקומען.

די פעקלעך האָט מען זיך געאיילט צו פּאַקן.
עס איז געווען פונקט אַ דאָנערשטיק בייטאָג,
פיל באַלעבאַטים האָבן שוין געהאַלטן אינמיטן פּאַקן
און זיי האָבן זיך פון שבת אָפּגעזאָגט.

די נגידים, זיי האָבן נייע קאָלדרעס צעשניטן,
ווייל ס'האָבן אויסגעפּעלט אין גאַנץ לאָדזש די זעק,
אַן אָרעמאַן צו געבן האָבן זיי קיינמאָל נישט געליטן,
פאַר דעם המנען גיט מען אַלעס שוין אַוועק.

זיי האָבן באַלד באַשטעלט די פּוילישע פורן,
דערפאַר די פעקלעך זענען שוין געווען גרייט,
כדי מ'זאָל נישט דאַרפן אויפן וועג צו רעווידירן,
נאָר די לאַטעס זענען נאָך נישט אָנגעגרייט.

אין דעם זעלבן טאָג פון ראָזקאַז פון יאָגן,
איז נישט געווען קיין צייט אפילו זיך אויסצודרייען,

האָט מען גענומען לאַטעס פון דער האַנט, וואָס מ'האָט געטראָגן,
אויף די פלייצעלעך האָט מען דאָס געמוזט אָנצונייען.

אַזוי ווי זיי זענען שוין בשלום אויף דעם וועג אָנגעקומען,
זיי האָבן דאָרט געזען קינדערלעך ערשט געבוירן,
די אָרעמע פרויען, וואָס האָבן נישט קיין בעטגעוואַנט מיטגענומען,
זענען די קינדערלעך אויף טויט שוין פאַרפרוירן.

די טויטע קערפּערלעך האָט מען באַלד נאָך לאָדזש צוריקגעפירט,
אין איין וואַגאָן מיט טויטע זעלנער זענען זיי געקומען,
די נושאי-המיטה האָבן זיך באַלד מיט זיי אינטערעסירט,
ווייל זיי האָבן שוין געהאַט די מאַכט פון דער גמינע.

ווי מ'האָט זיי אַרויפגעבראַכט אַלע אויפן בית-עולם,
אַ גאַנצע ריי אויף ד'ערד האָט מען זיי געלייגט,
ס'איז אָנגעקומען קוקן זייער אַ גרויסער עולם,
אויף דעם חורבן האָט שוין יעדער מענטש געוויינט.

דערווייל איז אָנגעקומען אַ נאַטירלעכע לוויה,
עס איז אַ פרוי פונקט געשטאָרבן פאַר הונגער.
די פרישע מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו שרייען,
ווייל זיי האָבן צוגעקוקט צו די פאַרפרוירענע קינדער.

זאָלן מיר לאָזן די טויטע קינדערלעך דאָרט רוען,
זאָל די שוואַרצע ערד שוין מיט זיי זיין באַדעקט,
כ'בעט, זיי זאָלן זיך באַטש פאַר אַלע יידעלעך מיען,
אַז די צרות זאָלן נעמען שוין אַן עק.

מחבר - אומבאַקאַנט
לאָדזשער געטאָ

סוף 1939 האָט די היטלעריסטישע מאַכט אָנגעהויבן אַן אויסזידלונגס-אַקציע פון יידן און פאָליאַקן פון די מערבדיקע געביטן פון אָקופּירטן פוילן, וואָס זענען איינגעגלידערט געוואָרן אין „רייך". דעם 13-טן דעצעמבער („גרודזיען") האָט זיך אין דער לאָדזשער קהילה („גמינע") אָנגעהויבן די רעגיסטראַציע צום גירוש. כדי אויסצומיידן די געצוווּנגענע איבערזידלונג

(כמעט אָן באַגאַזש און געלט) זענען אַ סך יידן — איבערהויפּט די רייכערע — אויף דער אייגענער האַנט געלאָפן אין דער א. ג. „גענעראַלער גובערניע" (צענטראַלע געביטן פון אָקופּירטן פּוילן). אין דעצעמבער 1939 יאָר זענען פון לאָדזש אַרויסגעשיקט געוואָרן עטלעכע טויזנט יידן. דעם 12 דעצעמבער 1939 איז געענדערט געוואָרן דער קענצייכן פאַר לאָדזשער יידן (אַ געלער מגן־דוד אַנשטאָט אַ געלן אָרעמבאַנד).

## 5. „ווישערלעניעס"

ליבע מענטשן, הערט מיך אוים די מעשה,
וואָס האָט פּאַסירט אויף אַדאָלף היטלער־שטראַסע,
ווען ס'איז דעמלט דאָרט געווען,
דער האָט עס אַלעס צוגעזען.
אַזאַ אומגליק זאָל מער שוין נישט געשען.

באַלד זענען אָנגעגאַנגען אָפּיצירן.
זיי האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן אין די טירן.
מ'הערט שוין שרייען: „יודע לויז!"
מיט שרעק לויפן זיי אַרויס,
צו דער פּאַרטייע פירט מע זיי צו,
מ'הויבט שוין אָן צו יאָגן פון די שטובן,
אַזוי ווי שעפּסן האָט מען זיי געטריבן.

די קראַנקע מענטשן בלייבן שטיין.
זיי האָבן שוין נישט מער קיין כוח צו גיין.
מ'הערט שוין שוואַכע קרעכצן און געוויין.
די פאַמיליע יאסקאָוויטש האָט מען דאָרט פאַרשלאָסן,
צום דריטן קלאַפּ האָט מען באַלד אַריינגעשאָסן.
ווי זיי הערן שיסן: „טראַך",
האָבן זיי באַלד אויפגעמאַכט,

אויף דעם טויט האָבן זיי זיך נישט גערעכנט,
זיי האָבן נישט געהאַט קיין צווייטע דעה,

מ׳האָט באַלד געהייסן אויסשטעלן אַלע אין אַ רייע.
־ער פֿאָטער שרייט צום זון: שמואל,
זאָג צו ווידוי — „שמע ישראל“!
מ׳ריכט זיי אויס אַלע מיט אַמאָל...

מחבר אומבאַקאַנט
לאָדזשער געטאָ

אין „בלוטיקן דאַנערשטיק“ (מערץ 1940), נאָך איידער דער טערמין אַריבערצוגיין אין געטאָ איז אויסגעגאַנגען, זענען ס. ס. לייט און פּאָלי־ציאַנטן פלוצלונג אָנגעפאַלן אויף די יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אויסערן געטאָ. עס זענען דערשאָסן געוואָרן איבער 200 מענטשן, צוו. אַנדערן — די גאַנצע משפחה יאסקאָוויטש. דורך דער „אַדאָלף היטלער־שטראסע“ (פּיאָטרקאָווער גאַס) זענען די יידן, נאָכגעיאָגט און געשלאָגן דורך די היט־לעריסטן, אין בהלה געלאָפן אין געטאָ אַריין.

ווישע־לעניעם (פּויליש) — אויסזידלונגען.

# ג ע ט א

## 6. פערד־פלייש

אין אַ מיטוואָך אינדערפרי,
ס׳איז געווען דער ערשטער מאַי,
אין דער גאַס איז נישט קיין רו,
מ׳הערט שוין אַ געשריי.

אַלע מענטשן לויפן מיט די קופּעס געלט.
ס׳איז נישטאָ צו קויפן, ס׳איז שוין נישט קיין וועלט,
אַלע ווייבער מוזן קאָכן אַרבעס מיט די ווערים,
עס איז אונדז שוין אַרויסגעקראָכן פון די גדערים.

מען זאָל זיך נישט פאַרזינדיקן,
מ׳דאַנקט שוין גאָט פאַר דעם,
אַבי נישט צו הונגערן, ס׳זאָל ערגער נישט געשען,
צומיינסטן מוזן ליידן די קליינע קינדער,
ס׳טוט זיי אויך נישט מיידן די גרויסע נויט און הונגער.

אַ זעמעלע מיט טיי ביטער בראָקט מען זיי צום עסן,
פון פּוטער, מילך, צוקער — ס׳איז שוין לאַנג פאַרגעסן.
זיי האָבן נישט קיין ציינדלעך, קענען זיי נישט קייען,
עס העלפט נישט מאַכן תנדלעך, זיי האַלטן אין איין שרייען.

די מאַמעס טוט עס שטאַרק באַרירן,
זיי לויפן זוכן מאַנע,
ווען זיי זעען אַ טויטן פירן,
זענען זיי מקנא.

מ׳קען בײ זײ נישט לײקענען, אַז ס׳איז אַ גרויסע נויט,
די שולע־קינדער װײנען — זײ װילן צו צום ברויט.
מיט אַ זויער צוקערל דערכאַפּן זײ דאָס האַרץ,
די רײכע קויפן אַ קיכעלע און דאָס איז נאָך נישט אַלץ.

אַלע לאָדזשער בעקער זײ טוען זיך װידער פרײען,
מ׳דאַרף שוין װײטער אָפּצושטײן אָפּטערס אין דער רײע.
װען מען רעדט אַ װאָרט צו זײ, האַלטן זײ זיך שטאָלץ,
זײ בונטעװען די פּאָליצײ צו שלאָגן מיטן האָלץ.

װען מ׳גיט אַרויס דאָס ברויט, װערט אַ גרויסער רוק, [1]
פון דעם קװעטשן, שטופּן, שטויסן זענען די מענטשן מוך. [2]
ס׳װאָלטן געװען קרבנות, װען נישט די פּאָליצײ,
איך זאָג אײך בנאמנות
מ׳דאַרף צו דאַנקען זײ.

די גרויסע פאַבריקאַנטן
מיט די פירמעס ראַדזינער,
זײ טוישן די בריליאַנטן,
טוען עסן נאָך הײנט הינער.
װען זײ דאַרפן קאָכן, באַקן,
שליסט מען צו די טיר,
טאָמער אַן אָרעמאַן טוט קלאַפּן,
פרעגט מען װאָס װילט איר?
אַ שטיקל ברויט טרוקן
טראָגט מען זײ אַרויס,
װען זײ גײען דעם קוכן רוקן
זאָגט מען גאָרנישט אויס.
פאַר אַן עין־הרע טוען זײ זיך שרעקן.
טאָמער קלאַפּט אַ הײמישער —
טוט מען אַלץ פאַרדעקן.

אַ האַלבע געטאָ מענטשן
זײ׳עסן פלײש פון פערד,

צו וואָס נוצט מיר נאָך דאָס בענטשן,
אַז ס'האָט סיי ווי נישט קיין ווערט.
היינט איז נישט קיין וואונדער,
ס'איז דאָך אַ גזירה,
אַז ס'קומט אַ גרויסער הונגער
איז קלענער די עבירה.

פון פערד־פלייש קאָכט מען אַ יויך
מכלומרשט צוליב די קינדער,
דערווייל עסן דאָס אויך גרויסע מענטשן,
ווען ס'קומט אָן דער הונגער.
די יעצטיקע מלחמה איז פונקט אַזוי ווי אַ שריפה,
מ'עט סיי ווי מוזן כשרן, ווייל ס'איז שוין אַלץ טריפה.

כ'האָב געמאַכט קופלעטן צוליב די אַלע יידן,
פון פערד־פלייש קאָטלעטן זענען מענטשן אויך צופרידן.
נאָר ווען ס'בלייבט אויף שפּעטער שטיין
ווערט עס באַלד פאַרשטונקען,
טרינקט מען נאָך אַ גלעזל טיי מיט אַ סאַכאַרינקע.

מחבר אומבאַקאַנט
לאָדזשער געטאָ

דעם 1 מאי 1940 י. איז דאָס לאָדזשער געטאָ געשלאָסן געוואָרן. תיכף איז אין געטאָ אויסגעבראָכן אַ הונגער־פּאַניק.

---

1 רוך — באַוועגונג, טומל.

2 מוך — ספּעציפֿישער לאָדזשער אויסדרוק — מיד, אָן כּוחות, צעמישט.

## 7. הונגער

פיל פון מיינע ברידער דאָ
זענען אין די טעג ווי בערג גרוי אויפגעגאַנגען,
מתנותווייז פאַרלאָזט די היים.
האָט איר געזען די פּנימער פון פרויען
אויסגעבלייכט אין טאָג,
שטיינבלייבן ביים זייט פון וועג?
ווי איינע איז פאָרויס געלאָפן
מיט אַן אַרונטערגעלאָזענעם טוך —
ברעכנדיק די הענט געריפן פון דער ווייט:
— עזריאל, עזריאל! —
די תבואה האָט מען אויפגעזאַמלט פון דער שטאָט,
אָפּגענומען און פאַרטראָגן פון אונדז.

די הייזער שטייען — לאָם ווי פערד, די פעל אַראָפּגעשונדן,
מיט די ציגל — רויט אַרויסגעשטאַרצט פונם טינק,
דעם אַראָפּגעריסענעם פון זיך,
און זינקען אַזוי נידעריק צו דער ערד.
ס'וועט אוודאי דאָ אַרויסגיין ווו אַ מאַמע פון אַ טיר אַן אויפגעריסענער
און מיט פונאַנדערגענומענע הענט אַ געשריי טאָן אין דער גאַס:
„מיר גייען אויס!!!"
וועט אין אָנלויף זיך צונויפדרענגען די גאַנצע שטאָט
און מיטן נייגיר אין די אויגן באַוואונדערן איר הונגער־משוגעת.
— ווער?

* * *

אַ ברויטל פון שוואַרצן זעגעכץ, וואָס האָט נישט
דערוויגן 1 קילאָ אפילו, האָט מיין טאַטע פאַר דעם גאַנצן
הויזגעזינד אויף אַכט טיילן אויסגעטיילט —
אַן אָנבייסן פאַר אונדז.
און אַז ס׳האָט די מאַמע אינדערשטיל אָפּגעגעבן איר חלק ברויט
די יינגסטע פון איר לייב,
פאַר די, מיט ווייכעביינדעלעך נאָך, וואָס זענען געקראָכן אויף
דער ערד

און אַליין פון שוואַכקייט געמוזט זיך לייגן אין בעט —
זענען מיר, די עלטערע פון שטוב, צוגעשטאַנען צו איר:
„מאַמע, עס אַליין, מ אַ מ ע!“

גאַנצע טעג זענען מיינע ברידערלעך געזעסן
ביי דער מאַמען אויפן בעט. האָבן אירע זאָרגן אויפגעזיפּצט
ביי זיי אין בלוט.
פון אירע רייד זענען אַלט געוואָרן זייערע פּנימלעך און געל,
און נישט געגלוסט האָט זיי זיך מער צו לויפן שפּילן אויפן הויף.
זענען זיי נישט איינמאָל אָן דער מאַמעס ווילן אַוועק
אין די גרויסע סקלאַדן'ס האָלץ,
שפּענער צו קלייבן אין אַ זאַק.
שפּעטער זאָל די מאַמע אָפּקאָכן אויף נאַכט־עסן
אַ ביסעלע קאַרטאָפל־שאָלן פאַר אַלעמען פון שטוב.

אין גרויען אויפדערנאַכט האָט די מאַמע ס׳האַרץ זיך אויסגעבלאָזן
אינם קאַלטן פייער פון דער קיך די שפּענער צו צעברענען
און נישט געקאָנט מיט אויפגעשוואָלענע אָדערן אין האַלדז,
דערוואַרעמען דאָס קאַלטע וואַסער אינם טאָפּ.
זענען די ברידערלעך מיינע, ווי לויזע זעק, צוגעפאַלן צו אירע פיס
און אַזוי איינגעשלאָפן אין די קליידער אויף דער ערד.
הונגער! הונגער! הונגער!
מיינע שוועסטערן, יונגע מיידלעך, נאָך מיט ווייסע צאַרטע הענט
האָבן זיך פאַרדונגען אין דער פרעמד
אונטער טירן פון אַ פרעמדן הויז.
מיינע ברידערלעך זענען נאָכגעלאָפן וועגענער אין גאַס
און נישט איינמאָל ביים אַראָפּכאַפּן אַ שטיקל קויל־בריקעט,

אַ שטיקל האַלץ, שמיץ געקראַגן פון אַ בייטש,
און ס׳זענען זיי אויפגעלאָפן די פּנימער און הענט
מיט בלויע ריטלעך — אָדערן פון בלוט.

מיין טאַטע איז אַוועק אין שפּיטאָל,
מיין מאַמע האָט דעם צער מיטגענומען פאַרשלאָסן אין דער ערד.

* * *

פון אויסגעליידיקטע שטובן האָט מען קראַנקע פון די טרעפּ געטראָגן
און מיט דער היץ־פּיבערונג — אין אַ פאַרמאַכטער פור
די ווייסע בעטלעך פון שפּיטאָל געברענגט.
זענען די קינדער פון אַ מאַמע אָנגעלאָפן צו די אייזערנע
טויערן פון די הויכע ווענט
און זיך געשלאָגן מיט די הענט אין קאָפּ:
— עפנט אונדז, עפנט אונדז! —
לאָזט אונדז קומען פאַר דער מאַמעס בעט! —
לאָזט אונדז אָנזען איר געזיכט!
— עפנט אונדז! עפנט אונדז!
ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן
זענען די קינדער ביי אַ פרעמדער שוועל געבליבן,
איינגעקנוילט, איינגעדרימלט אין געוויין.

* * *

די מאַמע איז שוין טויט
און וועט שוין נישט צוריקקערן מיט די קינדער
זיך זעצן אויף דער ערד, פאַרגרינגערן דעם פּיין
און ס׳וועלן אינם צער נאָר הינט פאַרהונגערטע
וואָיען אין די נעכט. ווי קינדער אָן אַ היים
פאַר אונדזער הויז...

מיט יעדן טאָג ווערט האַרטער אויף מיין לייב די הויט
כ׳וועל אויפשטיין אינם האָריקן געשטאַלט
אַ גרוי שטיק ערד,
ווי גרוי און טעמפּ געוואָרן ס׳איז אין מיר דער צער,
קברים־בערג — ס׳פליייש פון מיינע ברידער
האָט אויפגעוירן מיט דער ערד — שוואַרץ דעם גאַנצן וועג,

וועל איך צו יעדן קבר צוליינגן מיין קאָפּ —
און שרייען: איך, דער יינגסטער, בין געבליבן לעבן אייך,
איינער לעבן אייך!
די קויל, וואָס האָט זיך אָפּגעהאַקט אָן אייך ביים פאַלן
וויל אייפגיין אין מיין לייב.
אַז מיינע ביינער זענען נאָך געבליבן גאַנץ
וועט פיבערן אין זיי די שטומע קעלט פון אייער טויט.

דאָס ליד ווערט צוגעשריבן. **מענדל מאַלטשאַצקי**
לאָדזשער געטאָ

געבוירן אין 1921, געוווינט אויף לימאַנאָווסקי־גאַס 14 (אין ארכיוו פון ייה״א געפינען זיך די איינמעלדונגס־קאַרטן פון דער משפחה מאַלטשאַצקי אין לאָדזשער געטאָ), איז וואַרשיינלעך אומגעקומען אין אוישוויצער קאָנצענטראַציע־לאַגער.

אין ערשטן טייל פון „הונגער״ דערציילט דער מחבר, ווי עס שיינט, וועגן די יידישע מענער, וואָס פלעגן פאַרלאָזן די היים — אָפּפאָרן אויף צוואַנג־אַרבעט.

פון דעצעמבער 1940 ביז דעצעמבער 1941 זענען פון לאָדזשער געטאָ אַרויסגעשיקט געוואָרן אויף צוואַנג־אַרבעט איבער 7000 ארבעטספעיקע יידן (דער עיקר — יונגע מענער). א סך הונגעריקע האָבן זיך פרייוויליק געמאָלדן צו דער ארבעט, האָפנדיק אויף אַזאַ אופן צו פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט פאַר זיך און אַרויסצוהעלפן זייערע משפחות אין געטאָ. דער צווייטער טייל פון דער פּאָעמע פאָדערט נישט קיין אויפקלערונגען. אין דריטן טייל ווערן וואַרשיינלעך באַשריבן די געשעענישן קורץ פאַר דער „שפּערע״ און די „שפּערע״ גופא אין לאָדזשער געטאָ, ווען די היטלעריסטן האָבן אַריינגעוואָרפן די קראַנקע פון די שפּיטאָלן אין פאַרמאַכטע אויטאָמאָבילן און זיי אַוועקגעפירט צום טויט.

בעת דער „שפּערע״ (פון 5 ביזן 12 סעפטעמבער 1942) האָבן די היטלעריסטן אַרויסגעריסן פון די משפחות איבער 15.000 קליינע קינדער און עלטערע מענטשן. מען האָט זיי פאַרשפאַרט אין די אויסגעליידיקטע שפּיטאָלן און פון דאָרט פאַרטיעסווייז אָפּגעשיקט אין טויטן־לאַגער כעלמנאָ אויפן נער — 60 קמ. פון לאָדזש. אין דעם דאָזיקן לאַגער האָבן די היטלעריסטן פון נאָוועמבער 1941 ביז יאַנואַר 1945 י. אומגעבראַכט אַרום 350.000 מענטשן — דאָס רוב יידן.

## 8. די באָנע

אוי די באָנע, יאַ ניעבצע אָדדאַטש באָנע [1]
אינזשיניער אַדאַם טשערניאַקאָוו [2]
ער וועט נישט אַוועקגעבן די באָנע,
ער וועט די מלחמה איבערלעבן
די באָנע נישט אַוועקגעבן.
ער לעבט זיך רואיק און בשלום,
מען מעג אים שוין אָנטוען ווייסע בגדים,
ער נעמט געלט אין די יידישע געמינע
ער מעג באַלד און גיך איינעמען אַ מיתה משונה.
מען וועט אים אָנטוען אַ ווייסן מונדיר
און לייגענען אים מיט די פיס צו דער טיר.
יינגל האַלט זיך, האַלט זיך דאָס גאַנצע לעבן,
זע, דו זאָלסט די באָנע נישט אַוועקגעבן,
כלאָפּטשע, טשימיי שען, טשימיי שען פעסט,
טשימיימי שען ווּשיסצי, פוקי באָנאַ יעסט [3]
אוי די באָנע, די באָנע. כ׳בין נאָך יונג,
יאַך וויל נישט אַוועקגעבן די באָנע
יאָך וויל נאָך עפּעס גיטס דערלעבן
די באָנע, די באָנע — נישט אַוועקגעבן
כ׳וויל די מלחמה איבערלעבן
כ׳בעט עך זאָלט מיר עפּעס געבן.

מחבר אומבאַקאַנט

בעטלער־ליד פון וואַרשעווער געטאָ

די לידער „די באַנע" און „מועס" האָבן זיך אויפגעהיט אין רינגעל-בלום־אַרכיוו (אַרכיוו פון ייה"א, רינג. 1 — 172). פאַרשריבן האָט עס דער מיטארבעטער פון רינגעלבלום־ארכיוו (פסעוודאָנים נ. רחלעס) . ביי א זעכצן־יעריקן יתום לייבל סאלניצקי, וואָס האָט געזונגען אין די הויפן, בעטנדיק דערפאַר אַ פּאָר גראָשן, צי אַ ביסל „פאַרבראָקעכץ" (אָפּפאַל פון עסן).

„אָפּגעבן די באַנע" (דאָט שפּייז־קאַרטל) — אין דער שפּראַך פון געטאָ — שטאַרבן. (דאָס שפּייז־קאַרטל פון געשטאָרבענע האָט די משפחה געמוזט אָפּגעבן). „גיב נישט אָפּ די באַנע" — הייסט: „האַלט זיך, שטאַרק זיך". דאָט דאָזיקע ווערטל האָט געלאָזט אין גאַנג דער פּאָפּולערער רובינשטיין, וואָס איז געווען באַקאַנט אין ווארשעווער געטאָ מיט זיינע שארפע ווערטלעך.

[1] יאַ ניעכצע אָדדאַמש באָנע (פּויליש) — איך וויל נישט אָפּגעבן די באָנע.

[2] אינזש. אַדאַם טשערניאַקאָוו — ביזן 24 יולי 1942 — פאָרזיצער פון וואַרשעווער יודענראַט. באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אויפן דריטן טאָג פון דעם גרויסן גירוש פון וואַרשעווער געטאָ.

[3] כלאָפּטשע, טשימיי שען, טשימיי שען פעסט, טשימיימי שען יושים-צי, פּוקי באָנאַ יעסט. — יינגל, האַלט זיך, האַלט זיך פעסט, לאָמיר זיך אַלע האַלטן, ביז וואַנען די באָנע איז דאָ...

## 9. מועס... מעות...

מועס, מועס, מועס — איז די בעסטע זאַך.
האָסטו נישט קיין מועס האָב איך פאַר דיר אַ פּלאַן,
שיק נאָך פּינקערטס קעסטל,[2] ריק זיך דאָרטן אַראָן.
מועס, מועס, מועס — איז די בעסטע זאַך...

די פּאַני פּרָזשעסאָווע, זי מאַכט זיך ווײַעטשנע [3] אָנדולאַציע,
די אָרעמע קינדער לייגן זיך שלאָפן אָן קאָלאַציע.[4]
(מועס, מועס...)

די יידישע גמינע זי פאָדערט ראַנינע [5]
און זי גיט צו עסן זייער קרויט מיט סאַכאַרינע.
(מועס,מועס...)

די יידישע תפיסה פול מיט אַרעסטאַנטן,
די האַנטיקע מלחמה — פאַר די יידישע פאַבריקאַנטן.
(מועס, מועס...)

יעדער פאָליציאַנט איז אַ גרויסער לאָבוז [6]
ער וויל מועס אַ נישט כאַפּט ער אָפּן אָבוז...[7]
(מועס, מועס...)

קוים האָסטו נישט קיין מועס — גיב נישט קיין טראַכט
גיב אַוועק די באָנע — זאָג אַ גוטע נאַכט
(מועס, מועס...)

אַלע גיטע פּאַכן זענען האַנט אין דר'ערד
נאָר די בעקערס זיי ראַטן אָף די פערד.
(מועס, מועס...)

זיי מישן ברויט מיט קלאַיען
ס׳איז נישטאָ וואָס צו קאַיען.

(מועס, מועס...)

ס׳איז דעם אָרעמאַן אַ קלאָג.
קוים האָסטו נישט קיין מועס איז צו דיר אַ בראָך.
גיב אַוועק די באָנע און זאָג אַ גוטע וואָך.

(מועס, מועס...)

פינקערטס מזל האָט זיך געגעבן אַ ריער
ער שלעפּט נישט צו ענצל (איינצל) נאָר צו פיער.

(מועס, מועס...)

אין אַלע הייף איז דאָ קאָמיטעטן [8]
זיי הייסן וואַשן די שטיגן און זיי קוקן אין די בעטן.

(מועס, מועס...)

זיי מאַכן פּאַרוואָקעס, זיי מאַכן גאַזוואָקעס [9]
ס׳איז צו די יידן אַ גרויסע קלאָג.

(מועס, מועס...)

אויב פּאַרקויפסטו פון דיר די הויזן און וועסטל,
וואַרט שוין אויף דיר פינקערט מיטן קעסטל.

(מועס, מועס...)

קוים האָסטו נישט קיין מועס איז צו דיר אַ קלאָג,
געסט אַוועק די באָנע — זאָג אַ גוטן טאָג.

(מועס, מועס...)

פינקערט וויל אין דער מלחמה געניסן,
אַז מען זאָל די בעקער אָפּשיסן.

(מועס, מועס...)

בליימאַן האָט זיך נישט געראַכט,10

מע געקומען באַנאַכט און מ׳האָט אים קאַלט געמאַכט.

(מועס, מועס..)

די גמינע גיט זויער קרויט און האָניק אַ לויט

האַלטע זיך פאַרן בויך און זעסטו שוין דעם טויט.

מועס, מועס, מועס איז די בעסטע זאַך...

מחבר אומבאַקאַנט

בעטלער־ליד פון וואַרשעווער געטאָ

---

1 מועס זע ז. 45.

2 פינקערטס קעסטל — דער וואָגן פון חברה קדישא אין וואַרשעווער געטאָ, בראש פון וועלכער עס איז געשטאַנען מאָטל פינקערט.

3 וויעטשנע (פויליש) — אייביקע.

4 קאָלאַציע (פויליש) — אָוונטברויט.

5 דאַנינע (פויליש) — שטייער.

6 לאָבוז (פויליש) — בוליגאַן.

7 אָבוז (פויליש) — לאַגער.

8 הויז־קאָמיטעטן — האָבן אויסגעפירט אַ וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע פונקציע אין וואַרשעווער געטאָ, צוו. אַנד. — געזאָרגט וועגן ריינקייט, וועגן די אָרעמע שכנים, אָפטמאָל פּראָטעסטירט קעגן די מעשים תעתועים פון דער געטאָ־פּאָליציי.

9 „פּאַרוווקעס“, „גאַזוווקעס“ — דעזינפעקציעס און ריייניקונגען, וואָס די מאַכט האָט דורכגעפירט אין וואַרשעווער געטאָ. די „פּאַרוווקעס“ זע־נען אָפט אויסגענוצט געוואָרן דורך דער געטאָ־פּאָליציי אַרויסצופרעסן געלט פון דער באַפעלקערונג.

10 דניאל בליימאַן — וואַרשעווער בעקער, געוווינט אויף זאַמענהאָף־גאַס 24 — און זיין פרוי זענען דערשאָסן געוואָרן אין דער נאַכט פון 17־טן אויפן 18־טן אַפּריל 1942 יאָר (בעת דער „אַפּריל־נאַכט“ אין וואַרשעווער געטאָ האָבן די היטלעריסטן אומגעבראַכט 51 יידן, פאַרדעכטיקט אין קאָנספּיראַטיווער טעטיקייט).

## 10. אין ביאַליסטאָקער געטאָ

אַ טומל און אַ געשריי
אויף דער יידישער גאַס,
מען גייט אַ געטאָ מאַכן
טאַקע נישט קיין שפּאַס.

אין ביאַליסטאָקער געטאָ אַ טומל, אַ געשריי,
אין ביאַליסטאָקער געטאָ יעדעס האַרץ טוט וויי,
מיר זיצן און מיר וואַרטן
אויף קאַרטן־ברויט, אויף קאַרטן־ברויט...
מען יאָגט, מען פּלאָגט אונדז אויפן גאַס
מיט אַ לאַטע אויפן לאַץ.

מענטשן גייען צו דער אַרבעט
און באַקומען דאָך אַ שיין,
און אויב דו ווילסט נישט גיין,
קריגסטו געשמיסן גאַנץ פיין.
(אין ביאַליסטאָקער געטאָ אַ טומל, אַ געשריי...)

אוי, פרויען לויפן פון דער אַרבעט,
גייען אין יודענראַט אַריין
און זיי פרעגן אויף די „שבתדיקע"[1] מענער
ווען וועלן זיי שוין זיין...
(אין ביאַליסטאָקער געטאָ אַ טומל, אַ געשריי...)

אין געטאָ־מאַרק אַ גן־עדן,
אַלעס קריגט מען אויף דער וועלט,
פון די שענסטע, פון די בעסטע, —
אַוו נעמט מען נאָר געלט?!
(אין ביאַליסטאָקער געטאָ אַ טומל, אַ געשריי...)

מאַרקוס [2] האָט געהאַט פאַבריקן,
געווען איז ער פאַבריקאַנט,
און ווי דער דייטש איז געקומען,
געוואָרן איז ער אַ געטאָ־קאָמענדאַנט...

אין ביאַליסטאָקער געטאָ אַ טומל, אַ געשריי,
אין ביאַליסטאָקער געטאָ יעדעס האַרץ טוט וויי,
מיר זיצן און מיר וואַרטן
אויף קאַרטן־ברויט, אויף קאַרטן־ברויט...
מען יאָגט, מען פלאָגט אונדז אויפן גאַס
מיט אַ לאַטע אויפן לאַץ.

מחבר אומבאַקאַנט
ביאַליסטאָקער געטאָ.

---

[1] שבת, דעם 11.VII.1941 האָבן די היטלעריסטן אין ביאַליסטאָק גע־כאַפּט 4 טויזנט יידישע מענער און יינגלעך („די שבתדיקע"), וואָס זענען, ווי עס איז שפּעטער באַוווסט געוואָרן, דערמאָרדעט געוואָרן אין פּיעטראַ־שע, צוויי קילאָמעטער פון ביאַליסטאָק.

[2] מאַרקוס — קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי אין ביאַליסטאָ־קער געטאָ.

## 11. פאַר אַ האַלבע קילאָ ברויט

פאַר אַ האַלבע קילאָ ברויט
מאַכט מען זיך דאָ דעם טויט
אוי-אוי-אוי-אוי-אוי-אוי
און מען אַרבעט מיט איין וואָרט,
שווערער נאָך ווי אין ריעסאָרט [1]

קומט אַהער, בּיגרל, ישעיה,
לאָמיר נאָר ניט זיין קיין פרייערס,
די ביוראָווע בטלנים שלעק [2]
מיטשלעפּן צו אַ „וויפּיעק“.[3]

פון אַ האַלבע קילאָ ברויט
ווערן נאָך ניט די באַקן רויט,
נאָר די האַנט זי פאַלט אַראָפּ,
מען האָט ניט מער ווי איין זופּ
אוי-אוי-אוי-אוי-אוי-אוי.

מחבר אומבאַקאַנט
פון דעם ציקל „בעקעריאַדע“. לאָדזשער געטאָ

---

1 רעסאָרט — זע ז. 54.

2 אין לאָדזשער געטאָ האָט מען געשיקט אָפּגעשוואַכטע באַאַמטע און אַרבעטער אויף „קוראַציע“ — צוויי וואָכן אַרבעט אין דער בעקעריי. פאַרשטייט זיך, אַז בלויז געציילטע האָבן דערפון געקאָנט געניסן.

3 וויפּיעק (פויליש) — געבעק.

## 12. בלויז ברויט

צו דעם ברויטל אַ ביסל מאַרגאַרין,
וואָלט גאָרנישט געשאַדט,
וואָלט מ'ן געגעסן מיט מער חשק,
אַ שניטקע גאָר געהאַט.

עסט מען ברויט, טרוקן טייג,
ס'איז טאַקע פיין, ס'איז טאַקע שיין.
ס'איז ווי אַ מיידל אויסגעפּאַשעט,
נאָר עס פעלט איר אַ ביסל חן.

מחבר אומבאַקאַנט

פון דעם ציקל „בעקערליאַדע“. לאָדזשער געטאָ

## 13. אַ מאַשין

עס רוישט אַזוי ווילד
אין רעסאָרט 1 די מאַשין
אַז אָפּטמאָל פאַרגעס איך,
פאַרגעס ווער איך בין.

און ווער אין דעם שרעקלעכן
טומל פאַרלוירן,
איך ווער גאָר קליינטשיק,
אַ קליינטשינקע מאַשין.

איך אַרבעט, איך אַרבעט און אַרבעט
אָן חשבון,
עס שאַפט זיך און שאַפט זיך
און שאַפט אָן אַ צאָל.

פאַרוואָס און פאַר וועמען?
פאַרוואָס און פאַר וועלכן?
איך ווייס נישט, איך פיל נישט,
איך קלער נישט קיינמאָל.

איך בין אַ מאַשין, אַ מאַשין, אַ מאַשין,
איך קלאַפּ מיט דעם האַמער,
איך שטעק מיט דער אָל.
היי שנעל, היי שנעל, אָן אָטעם,
אָן רו
אַהער און אַהין,

אַהין און אַהער
מיט דעם אייזן,
מיט דער שער
אַן קלער, אַן קלער.

איך אַרבעט און אַרבעט און אַרבעט
אָן חשבון,
עס שאַפט זיך און שאַפט זיך
אָן אַ צאָל.
איך פרעג נישט פאַרוואָס?
איך פרעג נישט פאַר װעמען?
איך בין אַ מאַשין
ווי קומט אַ מאַשין
זאָל דענקען אַמאָל?

## רויזע ווײַנריב

לאָדזשער געטאָ

דאָס ליד „א מאַשין" — זייער נאָענט צו מאָריס ראָזענפעלדס „אַ מאַשין" („עס רוישט אין פאַבריק אַזוי ווילד די מאַשין..."), קען דינען אַלס ביישפּיל, ווי אַזוי אַלט־באַקאַנטע, פּאָפּולערע לידער זענען צוגעפּאַסט געוואָרן צום נייעם אָקופּאַציע־אינהאַלט.

אין דער אָפּטיילונג „בקשות און אָנקלאַגעס" פון דער לאָדזשער יידישער געטאָ־אַדמיניסטראַציע (אַרכיוו פון ייה"א) האָט זיך אויפגעהיט אַ פאַרשלאַג (אין פּויליש) דאַטירט דעם 1940 .XI .14, פון א יונג מיידל ריסיע (רויזע?) ווײַנריב, צו אָרגאַניזירן אין לאָדזשער געטאָ אַ יוגנט־קלוב: „...אין אָונט איז אין דער היים פינצטער, אין דער היים איז קאַלט און עס ווילט זיך אַזוי ערגעץ אַוועקגיין און פאַרברענגען עטלעכע שעה צווישן יונגע, פאַרגעסן וועגן אַלע זאָרגן, וועגן אַזויפיל ביטערע און האָפענונגסלאָזע טעג"... (ארכ. פון ייה"א נומ Rum.־286

1 רעסאָרטן — פּראָדוציר־אונטערנעמונגען אין לאָדזשער געטאָ, וווּ עס זענען געווען באַשעפטיקט דאָס רוב אַרבעטס־פעיקע יידן.

## 14. פעקאַליע

מענטשן ווי פערד,
מען שלעפּט און מען פירט
אינגאַנצן באַשמירט
אַ וואָגן פעקאַליע.

שטופּן, שטופּן,
די מנאַשקע הענגט ביים עמער:
פעקאַליע-לייט זע'מער,
מיר שלעפּן דאָס מיאוסטע,
איינגעריסטע.

מיר שעפּן מיט גראַבל די צואה
מיר שטופּן, שטופּן,
באַקומען מיר ברויט,
באַקומען מיר זופּן...

מרדכי גרינוואַלד
לאָדזשער געטאָ

דער מחבר (געווינט אויף סאַטנער־גאַס 32) פיגורירט אין דער רשימה פון ליטעראַטן און קינסטלער פון לאָדזשער געטאָ, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן דעם 1 אויגוסט 1944 יאָר. (אַרכ. פון ייה״א נומ. 157- Rum).

די מערהייט הייזער פון לאָדזשער געטאָ איז נישט געווען קאַנאַליזירט. די פעקאַליע האָט מען געדאַרפט אויסשעפּן פון די גריבער און אַרויספירן פון געטאָ. די דאָזיקע אַרבעט האָבן געווינלעך געמוזט אויספירן מענטשן, וואָס האָבן זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט.

## 15. רומקאָווסקי חיים גיט אונדז קלייען...

מ׳האָט די יידעלעך געבענטשט מיט חיים,
חיים רומקאָווסקי מיט די גרויע האָר.
אַצינדער מענטשן וויל איך אייך זאָגן
מיט די ווערטער, וואָס איז אַלץ וואָר.

רומקאָווסקי חיים גיט אונז קלייען,
ער גיט אונז גרויפּן, ער גיט אונז מן.
פֿאַרצייטנס האָבן יידן אויך געגעסן מן.
היינט עסט יעדע פֿרוי איר מאַן.

רומקאָווסקי חיים האָט גוט געטראַכט,
געאַרבעט שווער בייטאָג און ביינאַכט,
געמאַכט אַ געטאָ מיט אַ „דיעטע"[2],
און ער שרייט, אַז ער איז גערעכט.

אוי, יידן, כ׳וועל אייך עפּעס זאָגן,
אַ קדחת וויל איך אייך זאָגן.
יידעלעך זאָגן שוין פֿיל נביאות,
די געטאָ עפֿענען וועט מען שבֿועות.

אַ צווייטער טאָג אַוועק,
יידעלעך מאַכן זיך שוין אַ רעד,
מ׳לערנט זיך שוין ווייטער טרעפֿן.
רומקאָווסקי פֿון די יידעלעך לאַכט,
אַ קרענק וואָס איר טראַכט,
די געטאָ בלייבט צוריק פֿאַרמאַכט.

די אַלטע יידעלעך מיט די בערד,
זיי האָבן שוין היינט נישט קיין ווערט.
פריער האָבן זיי געטאָן שטאָלצירן,
היינט טוט מען זיי די בערד ראַזירן,
און די יונגע מיידעלעך טאָרן זיך נישט פודערן,
האָבן נישט ווו צו גיין שפּאַצירן.

ווען ס'איז געווען די פאָלקס־ציילונג [3]
איז געווען אַ טאָג אַ הייסער.
פאָרט רומקאָווסקי אין די גאַס,
זעט אויס ווי אַ קיסר.
יעצט זאָג איך מענטשן אַלם וואָר,
אונדזער קיסר האָט שוין גרויע האָר,
לעבן זאָל ער הונדערט יאָר [4].

## יעקב הערשקאָוויטש

וואַרשעווער געטאָ

דער מחבר — פון פאַך אַ שניידער, איינער פון די גאַסן־זינגער אין לאָדזשער געטאָ. צוזאַמען מיט אַ ווינער יידן — אַ געוועזענעם קאַמיוואָיאַזשער, וואָס האָט אים אַקאָמפּאַנירט אויף אַ ציטרע, האָט ער אין די לאָדזשער גאַסן און הויפן געזונגען לידער פון אייגענער פאַרפאַסונג, אין וועלכע ער האָט זיך אָפּגערופן אויף די אַקטועלע געשעענישן פון געטאָ־לעבן. איינס פון זיינע פּאָפּולערסטע לידער איז געווען „רומקאָווסקי חיים

גיט אונדז קלייען״. נאָך היינט געדענקען עס פיל געוועזענע אסירים פון לאָדזשער געטאָ. בעת דער ליקווידאַציע פון געטאָ — זומער 1944, איז הערשקאָוויטש פאַרשיקט געוואָרן אין אושוויצער קאָנצענטראַציע־לאַגער.

[1] חיים רומקאָווסקי — דער „עלטסטער פון די יידן“ אין לאָדזשער געטאָ.

[2] „דיעטע“ — אַ ספּעציעלע קראָם — אָפיציעל האָט עס געהייסן פאַר קראַנקע, און וועלכער אַ סך פּריווילעגירטע לייט פון געטאָ האָבן באַקומען בעסערע שפּייז־פּראָדוקטן.

[3] דער מחבר האָט דאָ אין זינען די פאָלקס־ציילונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין לאָדזשער געטאָ דעם 16־טן יוני 1940.

[4] דער מחבר דערציילט, אַז ווען ער האָט געזונגען דעם לעצטן פערז, פלעגט דער עולם אָנשטאָט „לעבן זאָל ער הונדערט יאָר“, אונטערכאַפּן: „אַז אײַנגעמען זאָל ער אַ שוואַרץ יאָר!“

## 16. פּראָטעקציע

האָסט פּראָטעקציע
דאַרף דיר גאָרנישט קאָסטן.
האָסט פּראָטעקציע
קענסטו קריגן אַ פּאָסטן
צי אין אַ ווידזשיאַל,[1]
צי אין אַ קוך
אומעטום איז אַ רוך [2]
פּראָטעקציע.
אַ נאַר, אַ שוטה,
אפילו משה פּויטע
מוז האָבן פּראָטעקציע.
אומעטום אין די רייען
ווילסטו פרעסן, ווילסטו קייען
איז פּראָטעקציע.
ביי תכריכים, ביי קדושים
איז פּראָטעקציע,
ביי אַ קרקע איז אויך פּראָטעקציע.

**יעקב הערשקאָוויטש**
לאָדזשער געטאָ

---

1 ווידזשיאַל (פּויליש) — „אָפּטייל" — אַזוי האָט מען אין לאָדזש גערופן די אַמטן פון דער געטאָ-אַדמיניסטראַציע.
2 רוך (פּויליש) — באַוועגונג, טומל.

## 17. רומקאָווסקי

אַז רומקאָווסקי מלך איז היינט לוסטיק, פריילעך!
ווייל אַ געטאָ האָט ער אייך געמאַכט.
ער איז קייזער ביי אייך, יידן,
טאָ זייט זשע שוין צופרידן.
קוקט, ווי דאָס געטאָ'לע קלאַפּט.[2]
געלט בענדער[3] און מונדירן, גענערעלער, אָפּיצירן.
שטיוול פּאַראַדירן אין דער גאַס,
כ'טייל טאַלאָנעס[4] אין בייראַט.[5]
ביי מיר איז היינט יעדער זאַט.
קוקט, ווי דאָס געטאָ'לע קלאַפּט!
כ'פאָר אין קאָטש מיט ווייסע פערד,
פאַר מיר בוקט מען זיך ביז דרערד.
דאָס האָב איך אַליין געוואָלט.
קיין שאלות זאָלט איר מיך נישט פרעגן,
אַז כ'וועל וועלן, וועל איך געבן,
נאָר איין זאַך האָרכן מיך איר זאָלט.
כ'שווער ביי מיינע גרויע האָר,
אַז אין נאָך אַ פּאָר יאָר
וועט אין געטאָ זיין וויל און פיין.
כ'וועל אייך טיילן מעל און צוקער,
איר וועט ווערן פעט און דיקער,
אָדער קיינער וועט דעמלט נישט זיין.
דאָס געשריי פון געטאָ,
קיינער וויל נישט הערן.
לעבעדיקע מתים אין דער גאַס,
טרעפעס שלעפן מידע פיס;
אין געטאָ ס'לעבן אַזוי מיאוס,
מענטשן זענען שוואַך און בלאַס.

ווען דאָס שפּיל וועט זיין צו ענדע,
פאַרציילן וועט מען אַ לעגענדע פון געטאָ, הונגער, שרעק.
טרעפּעס מאַכן געוואַלדן, זיי קאָנען שוין מער אויסהאַלטן.
ווען נעמט צו זיי אַן עק.
און די שטיוול גלאַנצן, זיי לאַכן און זיי טאַנצן.
אין געטאָ כ'לעבן, ס'איז זיי וווּל און פיין.
מען קריגט טאַלאָנען אין ביירּאַט.
מיר אַלע זענען זאַט,
קוקט ווי דאָס געטאָ'לע קלאַפּט!

## דוד זיסמאַן

### לאָדזשער געטאָ

דער מחבר, געבוירן אין לאָדזש, האָט געאַרבעט אין געטאָ אַלס אַר־בעטער אויפן „וואַזשיונע־פּלאַץ" (גרינס-פּלאַץ). אין 1943 איז ער פאַרשיקט געוואָרן אין לאַגער „האסאג־פעלצערן" אין טשענסטאָכאָוו, פון דאָרט — קיין בוכענוואַלד. זיסמאַן האָט אָנגעהויבן שרייבן בעת דער מלחמה. אויפן „וואַזשיונע־פּלאַץ" האָט מען אים גערופן „דער פּאָעט". שפּעטער האָט ער געמוטיקט מיט זיינע לידער די חברים פון „האסאג", וווּ ער האָט אָרגאַני־זירט אַ קינסטלערישן קרייז, וואָס פלעגט אין די זונטיקן אויפטרעטן פאַר די אסירים. אויך אין בוכענוואַלד איז זיסמאַן אויפגעטראָטן מיט זיינע לידער.

---

3 רומקאָווסקי — זע ז. 58.

2 אַ רמז אויף רומקאָווסקיס ווערטער: „אין אַ פּאָר יאָר אַרום וועט דאָס געטאָ ביי מיר קלאַפּן, ווי אַ זייגערל".

3 געלע בענדער האָט געטראָגן די יידישע פּאָליציי אין לאָדזשער געטאָ.

4 „טאַלאָנעס" — צעטלען אויף צוגאָב־באַשפּייזונג, וואָס זענען פאַר־טיילט געוואָרן אין דער ערשטער ריי צווישן פּריווילעגירטע לייט אין לאָדזשער געטאָ.

5 ביירּאַט — דער ראַט ביים יידן־עלטסטן אין לאָדזשער געטאָ.

## 18. די דעמאָנסטראַציע

ליבע מענטשן, הערט וואָס איך האָב אויסגעקליערט:
דער אַרבעטער טוט קעמפן
נאָר ס'האָט אַ קנאַפּע ווערט.
זיי האָבן געמאַכט אַ רוך,[1]
ם'האָט זיי באַלד געגעבן אַ קוך.
ם'קוועטשט זיך אין די רייען,
אַז די מענטשן זענען מוך.[2]
אַן אויפרוף טוען זיי קלעבן
און שטעלן זיך איין דאָס לעבן.
די אַרבעטער מאַכן
מאַסן־דעמאָנסטראַציעס אין די גאַסן.
זיי לויפן צו רומקאָווסקי חיים[3]
„ם'הונגערט", טוען זיי שרייען.
ער הייסט זיי אַלע רעגיסטרירן
ם'קאָן די רו פאַרלירן.
וואָס טויג דאָס קעמפן,
אַז דער אַרבעטער ליידט ווייטער נויט.
איר זאָלט נישט שווייגן,
נאָר האַקן שויבן,
וועט איר קריגן גרינגער ס'שטיקל ברויט.
זיי מסרן פאַר דער „געסטאַפּאָ",
אַז רומקאָווסקי גיט נישט פּאַפּו.
דאָס האָט אים געטאָן פאַרדריסן,
פאַר דעם האָט ער געהייסן שיסן.
ם'האָט טאַקע באַלד געשאָסן
ם'האָט דעם טויט גענאָסן.

דער גאָט וועט דאָס נישט שווייגן,
וואָס אומשולדיק מענטשן ליידן.
די ליטוואַקעס — חזירים
מיט רומקאָווסקיס חברים
פֿאַר זיי איז גוט געוואונטשן,
דאָס איז דאָך זייִנע מענטשן.
זיי גיט מען אַלץ פֿאַסטן
מיט פּראָדוקטן אָן קאָסטן,
מ׳גנבעט עפּעס אויך
און מ׳קאָכט אַ גוטע יויך.

מ׳דאַרף צו קעמפֿן,
שטאַרק צו קעמפֿן
אַז דער אַרבעטער זאָל נישט ליידן נויט.
איר זאָלט נישט שווייגן,
נאָר האַקן שויבן,
וועט איר ערשט קריגן גרינגער ס׳שטיקל ברויט.

רומקאָווסקיס פּאָליציי
איר זאָלט נישט זיין מקנא זיי,
אפֿילו זיי עסן בעסער,
די צרה פֿאַר זיי נאָך גרעסער,
ווען ס׳בונטעווען זיך די מאַסן,
טוען זיי די פּאָליציי די בענדער רייסן.
די פּאָליציי ווערט דערשראָקן
און באַהאַלטן די פּאַלקעס אין די זאָקן.
די פּאָליציאַנטלעך, אַלע נאַיווע,
זיי זענען דעמאָלסט געווען אין אַ סכּנה,
זיי באַהאַלטן די העלצעלעך אַריין אין די שטיוול,
נאָך די ראָזרובעס 4 מאַכן זיי אַ שהחיינו.
עס איז דאָך נישט קיין וווּנדער,
זיי זענען געוועזן רייכע קינדער,
זיי זענען זייער איידל
פּונקט אַזוי ווי אַ מיידל.

הערצבערג שלום [5]
איז געווען אַ קאָשמאַר,
עס דוכט זיך, ס'איז אַ חלום,
דערווייל זינגט מען איבעראַל,
ר'האָט געמאַכט פיל גרויסע אַפּערעס,
היינט האָט ער נישט קיין תירוץ.
אין שאַנד טוט מען אים נויטן
ער זאָל אויסגעבן נאָך אַ צווייטן.
מ'טוט אים פירן אין אַלע גאַסן,
ער קען נישט קוקן אויף די מענטשן, וואָס ער האָט געקענט.
עס טוט אים „נערווירן"
ווען ער זעט די מאַסן,
ווייל ער גייט געשלאָסן מיט די קייטן אויף די הענט.

מערין [6] דער נייער קיסר,
ער איז אַ ייד אַ הייסער.
ער שטאַמט פון קליינעם שטעטל,
ר'האָט געהאַט אַמאָל אַ בערדל,
ער זאָגט אונדז צו צו געבן,
מ'זאָל נאָר כאָטש דורכלעבן,
ער קען פועלן ביי דעם יעקע,
מ'זאָל עפענען די געטאָ.

נאָר מ'דאַרף צו קעמפן,
שטאַרק צו קעמפן,
אַז דער אַרבעטער זאָל נישט ליידן נויט.
איר זאָלט נישט שווייגן,
נאָר האַקן שויבן,
וועט איר ערשט קריגן גרינגער ס'שטיקל ברויט.

מחבר אומבאַקאַנט
לאָדזשער געטאָ

סוף זומער און אין האַרבסט 1940 זענען אין לאָדזשער געטאָ פאָר־
געקומען מאַסן־דעמאָנסטראַציעס פון דער הונגערנדיקער באַפעלקערונג.

אין דעם אַרכיוו פון ייה"א געפינען זיך פּראָקלאַמאַציעס פון לאָדזשער געטאָ, וואָס רופן צו דער דעמאָנסטראַציע. די געטאָ־פּאָליציי האָט געשלאָגן די דעמאָנסטראַנטן מיט שטעקנס, צוהילף איז איר געקומען א דייטשישע פּאָליצייאישע אָפּטיילונג, וואָס האָט געשאָסן אין עולם.

1 רוך (פּויליש) — טומל, באַוועגונג.

2 מוך (ספּעציפישער לאָדזשער אויסדרוק) — מיד, צעמישט.

3 רומקאָווסקי — זע ז. 58.

4 ראָזרוכעס (פּויליש) — אומרוען.

5 הערצבערג שלום — געוועזענער קאָמענדאַנט פון דער געטאָ־תפיסה, אַרעסטירט אין אָנהייב 1942 יאָר פאַר מיסברויכן. „הערצבערגס אַפּערע" האָט געמאַכט אין געטאָ אַ גרויסן רושם. דער פערז וועגן הערצבערגן איז, וואַרשיינלעך, אַנטשטאַנען אַ סך שפּעטער, ווי דאָס גאַנצע ליד, וואָס באַשרייבט געשעענישן פון 1940 יאָר.

6 משה מערין — לייטער פון דער „צענטראַלע פון יידישע עלטסטע־ראַטן אין מזרח־אויבערשלעזיע" מיטן זיץ־אָרט אין סאָסנאָוויץ, האָט באַזוכט דאָס לאָדזשער געטאָ אין האַרבסט 1940 יאָר.

## 19. דאָס ליד פון די נײַנער מאַרקן מיט די דרײַסיק דעקאָ ברויט

(פראַגמענט)

אַלע מענטשן שטרעבן מיך צו הערן,
דאָס נײַע ליד, וואָס איך האָב אויסגעקלערט,
ביי רומקאָווסקין קאָן מען באַלד געהאָלפן ווערן
דורך פּראָטעקציע, וואָס האָט נאָר היינט אַ ווערט.
עס איז פאַרט געווען פאַר אונדז אַ ביסל גרינגער,
דאָס ברויט האָט מען נישט באַדאַרפט קאַרגן,
פיל מענטשן ליידן היינט הונגער
ביז רומקאָווסקי גיט די נײַנער מאַרקן.

ווען ס'איז אָנגעקומען דער 20-טער סעפּטעמבער
איז געווען פונקט אַ פרייטיק אינדערפרי.
פון דער גדולה האָט מען ס'פרישטיק נישט געגעסן
און אין די גאַסן איז שוין נישט געווען קיין רו.

אין אַלע ראָגן זעט מען רויטע בלעטער קלעבן,
די יידעלעך האָבן דאָס געלייענט,
ס'שטייט: רומקאָווסקי וועט נײַנער מאַרקן געבן,
ס'איז געוואָרן פאַר די ווייבעלעך אַ פרייד.

יעצט אין דער געטאָ
ווערט שוין אַ נײַער פּאַרקער,
ברויט דרײַסיק דעקאָ
דאָס קריגט אַ מענטש, גאָרנישט מער.

דער גרויסער עסער,
ער מוז זיך לערנען באַגיין,
ער איז מקנא בעסער
דעם טויטן, וואָס ליגט אויף אים אַ שטיין.

מחבר אומבאַקאַנט
**לאָדזשער געטאָ**

נאָך די מאַסן־דעמאָנסטראַציעס אין לאָדזשער געטאָ סוף זומער 1940 י. האָט דער „עלטסטער פון די יידן" ח. מ. רומקאָווסקי אַרויסגעגעבן די באַקאַנטמאַכונג נומ. 104 פון 20 סעפּטעמבער 1940, אין וועלכער ער האָט צוגעזאָגט די אַרבעטסלאָזע „אַ זאַשילעק" (שטיצע), פאַר דערוואַקסענע — ניין מאַרק אַ חודש. גלייכצייטיק האָט מען אין געטאָ געעפנט עטלעכע צענדליק ביליקע קיכן און צעטיילט אַ געוויסע צאָל ברויט און קאַרטאָפל.

## 20. שטאָטישער גאַסט

אַ פּאָר ווערטער כ'וויל זאָגן, ס'מאַכט נישט, ס'איז כדאי.
אין געטאָ נישט געפערלעך, מ'פילט זיך גאַנץ פריי...
כאָטש פון באַגינען ביזן בין־השמשות
שטייט מען אין די רייען נאָך ברויט,
מיינט איר דאָך, אַוודאי, אַז מ'הונגערט?
נישט אמת, ס'פילט זיך נישט קיין נויט.
אַז מ'פאַרמאַכט נאָר דאָס טויער לויטן „געזעץ" אַזייגער זיבן
האָט זיך שוין אַלץ אויפן הויף צונויפגעקליבן.
אַן אַלטער, אַ יונגער, אַ יונגע, אַן אַלטע,
מיידלעך, יינגלעך, וואַרימע און קאַלטע,
אַ קרומער, אַ גלייכער, אַ הויקער, אַ דיקער —
אַלע ווערן פאַרוואַנדלט אין פּאָליטיקער,
מ'צעלייגט אַלעם אויף קליין געלט,
מ'מאָלט בילדער וועגן שלאַכטן, וואָס דאַרפן פאָרקומען אין דער וועלט.

מ'רעדט וועגן ציבעלע, פלייש, פּוטער, איי,
מ'חוזקט, מ'לאַכט, איז דאָס נאָך ווייניק פריי?

איז נאָך ווייניק דער הויף וואָס איז צו „קאַבצאַנסק" געגלאָבן,
האָט מען אונדז צוגעגעבן „טונעיאַדעווקע" —
די מעשה האָט זיך אַזוי פאַרלאָפן:
אַזוי ווי אין „טונעיאַדעווקע" וווינען אַ צוויי הונדערט פאַמיליעס, אפשר מער
און די וואַסער־פּלומפּ איז קאַליע, אויף א רפואה נישטאָ קיין טרער,
וואַסער גייט נישט פאר קיין טאַנץ, אָן דעם קאָן מען נישט לעבן,
האָט מען געקלערט און געטראַכט, און אן עצה זיך געגעבן.
ביי דעם פּלויטל וואָס טיילט אָפּ „קאַבצאַנסק" פון „טונעיאַדעווקע"

האָט מען געגעבן א ריר
און א נס איז געשען
ס'איז דאָ א טיר.
איצט איז פרייע עמיגראַציע,
עס טוען עמיגרירן
מיידלעך אין קליידלעך מיט פאַרשידענע קאָלירן.
די פּלומפּ רוט נישט איינס, צוויי, דריי,
מ'שרייט. מ'קריגט זיך — איז דאָס נאָך ווייניק פריי?

אברהם קירשענבוים
לאָדזשער געטאָ 1940

## 21. עס דרייען זיך די רעדער

עס דרייען זיך די רעדער
און קלאַפּן די מאַשינען.
די צייט פון דער אַרבעט קומט שוין אָן,
אוי וויי, אוי וויי!

מיד פון דער אַרבעט,
דער שוויס רינט פון מיר,
פון דער אַרבעט ביז איך נישט באַפרייט.

זיי זיצן אין די סאַלאָנען
און רייכערן די ציגאַרן,
און פון דער אַרבעט
ווייס ער קיינמאָל נישט.

ווער איז דאָס דער מייסטער?
און ווער איז דער מערדער?
און ווער איז דער רייכער פאַבריקאַנט?
מערין ג איז דער מייסטער,
מערין איז דער מערדער
און מערין איז דער רייכער פאַבריקאַנט.

ער זיצט אין די סאַלאָנען
און רויכערט די ציגאַרן,
פון דער אַרבעט ווייס ער קיינמאָל נישט.

הער שוין אויף צו וויינען
און טרערן צו פאַרגיסן,
די צייט פון שטאַרבן קומט שוין אָן,
אוי וויי! אוי וויי! אוי וויי!

דאָס ליד ווערט צוגעשריבן **מ. שאַנצער**

מען האָט עס בעת דער היטלער־אָקופּאַציע געזונגען אין ביעלסק און אין בענדין.

1 מערין — זע ז. 65.

## 22. ביים געטאָ־טויערל

ביים געטאָ־טויערל ברענט אַ פייערל
און די שרעק איז גרויס,
עס גייען יידעלעך פון די בריגאַדעלעך,
פון יעדן גיסט זיך שוויס.

צי זאָל איך בלייבן שטיין,
צי זאָל איך ווייטער גיין,
איך ווייס נישט, ווען און ווו.
דער קאָמענדאַנטעלע אין גרינעם מאַנטעלע
ער נעמט דאָך אַלעס צו...

געלט א בייטעלע,
האלץ א שייטעלע,
ער נעמט דאָך אַלעס צו,
מילך א קענדעלע,
שפעק א פענדעלע,
ער לאָזט דאָך נישט צו רו.

חבר מיטן שטרייף, 1)
איך בין איינגאנצן טרייף
דורכגיין דעם קאָנטראָל.
פאר דעם ביסל שרעק
קריגסט א קילאָ שפעק
און מאָרגן נאָך אמאָל.

שטעלט זיך אוים צו פיר
און דו לעבן מיר,
שטופּ זיך נישט פון זייט,
דו גיי צום רעכטן גוי,
„שיטאס יאו טוואַרקאָי" —
געמאַכט א לעבל ברויט.

## אברהם אַקסעלראָד

אומגעקומען אין קאָוונער געטאָ.

דאָס ליד (לויטן נוסח פון „אויפן פריפּעטשיק ברענט א פייערל") דערציילט וועגן אַריינשמוגלען שפּייז דורך די יידן, וואָס מען האָט געפירט אויף אַרבעט אויסערן געטאָ.

1 חבר מיטן שטרייף — געטאָ־פּאָליציאַנט.

2 „שיטאַס יאו טוואַרקאָי" (ליטוויש) — דער איז שוין אין אָרדענונג.

## 23. עס דרימלט דאָס געטאָ

עס דרימלט דאָס געטאָ,
די טויערן פארמאכט,
אראָפּגעלאָזט האָט זיך אין טרויער
די פינצטערע נאכט.
נאָר יידן נישט שלאָפן גאַנצע נעכט ביז קאַיאָר
טאָמער דערהערט זיך א שאָרך פון א מאָטאָר...
אזוי פארגייען וואָכן, א נאכט נאָך א נאַכט,
נאָר יידן רואיק נישט שלאָפן, מען הערט זיך צו און מען וואַרט.
נאָר ווי עס ווייזט זיך דער גרויער מאָרגן,
וואָס קען ער אונדז ברענגען, נאָר נייע זאָרגן.
מען לייפט נאָך א צייטונג, מען פרעגט
נאָך עפּעס נייעס; עס וויל זיך אזוי לעבן,
דערהאלטן דאָס חיות.
נאָר עס העלפט נישט קיין וויינען,
עס העלפט נישט קיין שרייען.
ווו זענען אונדזערע חברים
זיי זאָלן אונדז באפרייען!
עס דויערט צו לאנג, ווער קען זיך דערווארטן,
עס בושעוועט דער טויט, ער לויפט ווי אויף נאַרטן,
מען הרגעט אומשולדיקע יידן מיליאָנען.
וואָס זענען מיר שולדיק, פאר וועלכע זינד?
מיט טרערן אין די אויגן פרעגט א מאַמע איר קינד.
א קללה אויף דייטשלאנד אויף אייביקע צייטן,
קיין פאָלק מיט זיי האַנדלען, קיין פאָלק מיט זיי בייטן!
נאָר פון נקמה זאָלן מיר טראכטן
ביי טאָג און ביינאַכט פאר דעם גרויסן
וועלטס אומגליק, וואָס זיי האָבן אויף אונדז געבראכט.

אין די יידישע גאַסן ווערט פּלוצלונג א גערודער,
מען פרעגט זיך דערשראָקן, וואָס איז שוין עפּעס ווידער?
אדורכגעפאָרן זענען דייטשן די יידישע גאַסן,
עס אַנטלויפן יידן, מען אַנטלויפט אין די מאסן.
געקומען זענען זיי געסט צו די זשאַנדאַרן,
עס איז גאָרנישט, אזוי פלעגט מען אונדז אָפּט נאַרן,
צום יודענראט זענען זיי געקומען פארלאנגען זאַכן,
געגעבן זיי אַלעס, עס איז נישט צום לאַכן,
שטאָפּן און לעדער, אויך זיידענע זאָקן.
דאָס הארץ איז פארשטיינערט, דאָס פּנים דערשראָקן,
זיי גיבן באפעלן צונויפצוטראָגן זאַכן,
איר ווייסט בעשייד, זאָגנסט וועט עס קראַכן.
די יידן לויפן, זיי טוען זיך יאָגן,
מתנות פאר די הענקער צונויפצוטראָגן.
עס העלפט נישט קיין וויינען, עס העלפט נישט קיין שרייען,
ווו זענען אונדזערע חברים, זיי זאָלן אונדז באפרייען!
עס איז נישטאָ דער טאָג, מען זאָל אונדז פארשווינען,
פאר מאָרדן און שענדן מוזן מיר זיי נאָך באלוינען,
נאָר וואָס קען מען טאָן, וואָס העלפט אונדזער שרייען,
ווו זענען אונדזערע חברים, זיי זאָלן אונדז באפרייען!
פון ווייטן הערט מען מאָטאָרן שוין ברומען,
מען פרעגט זיך דערשראָקן: וואָס וועט איצטער קומען?
עס לויפן אויטאָס, זיי לויפן אין די מאסן,
שוין שטעלט מען ארום די יידישע גאסן.
מען לויפט פון די גאַסן, מען לויפט פון די שטיבער,
מען באהאלט זיך אין לעבער, מען באהאלט זיך אין גריבער.
קוים זענען נאָר פארגאנגען א פּאָר מינוט,
עס גיסט זיך שוין ווידער דאָס יידישע בלוט.

עדזשיע וויטמאַן

געטאָ אין מיעלניצא פּאָדאָלסקא

# חורבן — נקמה

## 24. חורבן וואַרטע

מאָנטיק, אין אויגוסט פֿיראונצוואַנציק טעג,
טויזנט נײַן הונדערט צוויי־און־פֿערציק יאָר —
איז דער טאָג פֿון חורבן — פֿון חורבן און קלאָג.
פֿון באַגינען נאָך, איידער די זון האָט אָנגעפֿאַנגען צו שײַנען,
האָבן זיך איבערן שטעטל צעטראָגן האַרצרײַסנדיקע געוויינען.
בלײַ־שנעל האָט זיך די טרויעריקע ידיעה פֿאַרשפּרייט —
דער ייִדן־פּערטל געריגלט איז אַרום, אַרום —

אַט לויפֿן שוין מענטשן — ייִדן, פֿרויען און מענער
מיט קינדער גרויסע און קליינע, וואָס אַמאָל קלענער:
ביז צום טויט דערשראָקענע, מיט אויגן צעגליטע,
צעשויבערטע די האָר — אַרויס פֿון די בעטן,
נישט רעכט זיך אָנגעטאָן — האָבן די מערדער געטריבן,
מיט ביקסן־קאָלבעס מכּות רצח געשלאָגן;
ווי אָקסן געיאָגט צו דער שחיטה,
און אין די שטובן איז קיין נפש געבליבן.

האָב און גוטס — ייִדיש פֿאַרמעגן
אויף הפֿקר געלאָזן — וואָס מען אין זינען געלעגן
יעצט דאָס לעבן, דאָס אָרימע לעבן
צו ראַטעווען האָבן אַצינדער;
טאַטעס און מאַמעס, זייער איינציקעס שטרעבן:
אויב נישט זיי — זאָלן כאָטש די קינדער
בלײַבן לעבן.

און עס האָבן זיך מענטשן וויינענדיק באַגעגנט,
געפֿאַלן אויפֿן האַלדז זיך, געקושט און געזעגנט;

ווער ווייס, ווער ווייס, וואָס אונדז וועט געשען,
ווען מיר נאָך האָבן דעם זכות אַמאָל זיך צו זען?...
אויפֿן פּלאַץ, וווּ עס איז די שול אַמאָל געשטאַנען
(איידער עס האָבן זי חרוב געמאַכט די כוליגאַנען),
אויף דער אַדמת־קודש — דעם הייליקן אָרט,
און דערנעבן דאָס אַלטע ביה״ח, וווּ עס האָבן קדושים
גערוט (וואָס איז פֿאַראַקערט געוואָרן),
איז געשטאַנען דאָס שטעטל יידן פֿאַרזאַמלט,
דערשראָקענע, בלאַסע, געציטערט, געפּלאַטערט —
פֿון בלויזן אָנבליק פֿון די רוצחים, ווילדע פֿון צאָרן,
פֿון שנאה און האַס.
עס פֿאַלט אַ באַפֿעל: זיך אויסשטעלן צו פֿינף
אין רייען.

ווערט אַ בהלה, אַ טומל,
איבער די קעפּ
פֿאַלן קלעפּ
מיט שטעקנס און אייזנס, און ביז צום הימל
גייען די געוואַלדן, די געשרייען.

פֿון דער גאַס
ברענגט מען גרייז־גראָע זקנים
מיט קראַנקע, האַלב־טויטע אינאיינעם,
ווי מיסט געוואָרפֿן אויף אַ הויפֿן טינוף;
די האָבן פֿון וויטיק מיט טרערן געגאָסן
(זיי זענען געוואָרן באַלד אויפֿן אָרט דערשאָסן).
נאָך דעם אויסשטעלן, אין רייען מושטירן —
אָנגעפֿאַנגען עס האָט זיך דאָס מענטשן סאָרטירן —
בעלי־מלאכות — פֿאַך־מענער,
(אַזאַ מין קלאַסיפֿיצירן).

צום ערשטן די מענער, נאָכער אויף פֿרויען געקומען די ריי,
געבילדעט אַ גרופּע פֿון פֿאַכמענער־יחוס,

פון משפחות גאנצע געטריי'ע,
אָפּגעריסן מענער פון פרויען און עלטערן פון קינדער,
דערביי קומען פאָר די אמתע רציחות.
אויסגעסדרט, האָבן די היטלער באַנדיטן
באַוואָפנט — אין שפּאַלער פון זייט און אינמיטן —
פון איין גרופּע צו דער אַנדערער ס'איבערגיין
ס'זאָל פאָרקומען שנעלער, געשווינדער —
מיט ביקסן, קלעצער און פּאַלקעס,
די געיאָגטע אין בהלה איבערלויפנדיקע —
בלוטיק צעשלאָגן, צעהרגעט פון מלקות...

האָט זיך געענדיקט דאָס ערשטע קאפּיטל
(ווי עס האָט זיך ערשט שפּעטער ארויסגעגעבן).
פופצנהונדערט און צוויי זעלן
האָט דאָס שטעטל געציילט,
איז קוים נאָר געבליבן איין קנאַפּ'ס דריטל,
א דריטל מיט האָפענונג צום לעבן.
העכער טויזנט מענער און פרויען און קינדער
פון טעמפּל-פּלאַץ אָפּ, פירט מען אצינדער
אין שטאָט-קירכע, ווו קיינמאָל, נאָך קיינמאָל
קיין פוס נישט באַטרעטן.

יעצט הונדערטער קולות שרייען און בעטן
זיך רחמים — ראַטעוועט! ראַטעוועט! ראַטעוועט!
און אַ רוצחישע האַנט מאַכט אַלעמאָל
די טיר אויף און שלאָגט מערדעריש און קאַטעוועט.
די גליקלעך-אומגליקלעכע פון דרויסן געבליבן,
קומען בגנבה כאָטש איין בליק נאָך כאַפּן:
א מאַן אויף זיין פרוי, א פרוי אויף דעם מאַן,
קינדער אויף עלטערן און עלטערן אויף קינדער.

ווי אבלים-יתומים צוזאמענגעקליבן
א הייפל, א רעשטל מיט
טרערן די ערד באַגאָסן.

דאָ וויינט מען צוזאַמען,
ווער דאָרט באַזונדער,
איינער שרייט — מיין מאַמע!
דער צווייטער — מיינע קינדער!
און גליקלעך בין איך, איך האָב
מיין ליבע, מיין טייערע מאַמע געזען,
דערבאַרים זיך, דערבאַרים,
האָט זי געשריען, געליאַרעמט.

אוי ווי, אוי ווי, ווי איז געשען —
איך בין אין דער קירכע אַריין,
אין אַ געמיש פון קולות, יאָמער, געוויין
פאַר מיינע אויגן אַ מוראַדיק בילד:
צוזאַמענגעדרענגטע מענטשן־כמאַרע,
צעיאָכמערט, דערהיצט, עס זעצט אַזש אַ פּאַרע,
וואַנזיניק אַלעס איז דאָ שוין און ווילד —
מען רייסט פון זיך שטיקער, מען שלאָגט זיך אין וואַנט.

פאַרצווייפלט זיצט איינער, עסט נאָך זיין ברויט —
אין אַ ווינקל אַ צווייטער הערנעבן זיין מענטשלעך געברויך
טוט, וואָס מיר דען בושה, ווער מיר יעצט שאַנד —
סיי ווי גייט דאָ אַלעס, אַלעס צום טויט.
ווי גרויס איז די שמערץ, טראַגיש די דראַמע —
וואַלגערט אַ קינד זיך האַרט אויף אַ שטיין
אויסגעצויגן אין שרייט: מוטער! מיין מאַמע! מיין מאַמע!

די מוטער, זי רירט שוין נישט מער קיין קינדער־געוויין,
עס גלאָצן נאָר אויגן צוויי שטאַרע און ווילדע,
טרוקן איז האַרץ שוין פון מוטערס געוואָרן,
נישטאָ קיין געפילן מער צאַרטע און מילדע,
אַזוי ציט אַזוי גייט אַלעס פאַרלאָרן...
אין אַ ווינקל אַ צווייטן צוזאַמענגעפּרעסט
אין אַ שטינקענדע לופט פון צואה און פּעסט —
זיצן זיך מענער פאַרשידן.

זאָגט אײנער תהילים, דער צװײטער על חטא —
געדעכט איז גאָטס משפּט, אַ צװײטער עס רעדט —
מיר זענען דאָך ייִדן, מיר זענען ייִדן...

אַרױס מיטן לעבן, קױם כ׳בין אַרױס
מיט צעריסענע קלײדער אױף מיר, און אין מיר
אַלעס צעריסן —
אױף שטיקער דאָס האַרץ און מײַן געװיסן.
אױב איז אַ גיהנום פֿאַראַן, איז׳ס אין דעם הױז.
אױב פֿאַראַנען גיהנום־לײדן —
פֿאַרגלײַכן מיט דעם — איז דאָרט דאָס גן־עדן...

דרײען זיך עלנטע, פֿאַרבלאָנקעט אין גאַסן אַרום,
די אױסדערװײלטע נאָך ליצמאַנשטאַט [1] צו פֿאָרן,
לעבעדיקע יתומים, װי אַ חלום שטום,
אונטער אַ האַגל פֿון קלעפּ,
שלעפּן געפּעק — ייִדישע פּראַצע פֿון יאָרן.
שנעלער, שנעלער, שנעלער געפּאַקט,
די בעכטיע יאָגט אונטער, הרגעט און קלאַפּט.

אין די פּוסט־פֿאַרלאָזטע גאַסן פֿון ייִדן־קװאַרטאַל
דרײען זיך גרופּן קלײנע,
ייִדישע מענער נאָך אײנמאָל אַ בליק טאָן
װוּ יאָרן געלעבט און געװײנט. נאָר פּלוצלונג אַ קנאַל —
עס הערן זיך דרײַ ביקסן־שאָסן —
אַ שױדערלעך בילד: אױף דער ערד
אַ ייִדישע פֿרױ מיט בלוט ליגט באַגאָסן...

בײַם רױמען די געטאָ, די הײַזלעך געבױטע,
װוּ עס האָבן דאָ ייִדן ביז איצט געװױנט,
פּיצעלעך קינדער ליגן שױן טױטע.
אַנדערשװוּ אַ פּיצעלע קינד ליגט פֿון דרײַ מאָנאַטן
— װײנענדיק עס זיך צערײַסט —

ניטשאָ מער קיין מאַמע, קיין טאַטע, ניטשאָ מער קיין טרייסט.
זיי זײַנען אונדזערע עלטערן, שוועסטער און ברידער —
ווו רוען זייערע ביינער, ווו ליגן זייערע גלידער
ווער ווייסט, ווער ווייסט...

מחבר אומבאַקאַנט

די ליקווידאַציע פון יידישן ישוב אין וואַרטע (לאָדזשער געגנט) איז פאָרגעקומען דעם 24 און 25 אויגוסט 1942 יאָר.

1 ליצמאַנשטאַט — דער נאָמען פון לאָדזש בעת דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע.

## .25 די „ווישעדלעניע"

דער מאָנאַט יולי 1942 איז אָנגעקומען,
די דייטשן האָבן זיך צו די יידן טאַקע גענומען.
פֿון אַלע זייטן האָבן זיך ווערטער אונטערגעטראָגן,
אַז די יידן פֿון וואַרשע וועלן זיי אַרויסיאָגן.

די דייטשן האָבן זיך גענומען דערצו גרייטן,
געזאָגט האָבן זיי, אַז זיי שיקן די יידן אַרבייטן,
און צו דער גאַנצער גרויסער שווײַנערײַ
האָט זיי געהאָלפֿן די יידישע פּאָליצײַ.

די ערשטע טראַנספּאָרטן האָבן זיי צוגעגרייט.
אָנגעהייבן האָט מען ביי די אָרעמעלייט.
דער גורל איז פֿאַר זיי שטענדיק אַ בייזער.
מע האָט אַרויסגענומען די קינדער פֿון די יתומים־הייזער.

געגלויבט האָבן אַלע, אַז מע פֿירט זיי צו אַ לעבן אַ נאָרמאַלן,
אויף אַ מיאוסן אופֿן האָט מען זיי געטאָן פֿאַרנאַרן.
געגעבן האָבן זיי יעדערן דריי קילאָ ברויט[1],
און אַזוי געפֿירט אַלע צום טויט.

די גאַסן זענען אָפּגעשלאָסן, ס'איז אַ גרויס געדרודער,
די הייזער פֿאַרבלאָקירט, מען שלעפּט אַראָפּ אונדזערע ברידער
אָנגעשלאָסן זיי אין לאַנגע רייען,
אויף דעם „אומשלאַג־פּלאַץ"[2] טוען זיי גייען.

אזוי זײַנען אדורך די ערשטע צוויי וואָכן,
די יידישע הערצער זענען שוין געווען צעבראָכן...
די דייטשן האָבן זיך ווייטער צו דער ארבעט גענומען גלייך,
שוין נישט געמאַכט קיין אונטערשיד צווישן אָרעם און רייך.

זיי פירן שוין די יידן פון אַלע גאַסן,
עס זאַמלען זיך אָן אין די טויזנטער מאַסן,
פארשיידענע זאכן טוען דאָ פּאַסירן,
די מאַמעס טוען זייערע קינדער פאַרלירן.

זיי פירן די מאסן און הערן נישט אויף צו שיסן,
דאָס יידישע בלוט טוט זיך אויף די גאַסן גיסן.
דער געדראנג צום לעבן איז זייער גרויס,
ווי אַזוי קומט מען פון דעם גיהנום אַרויס?

דער פּלאַץ איז פארפּאַקט, ס'איז ניטאָ ווו צו שטיין,
אַזאַ טראַגעדיע איז נאָך אויף דער וועלט נישט געווען.
די זון, זי ברענט ווי שטיקער פייער,
א ביסל וואסער איז דאָ זייער טייער.

די וואגאָנען זיי שטייען מיט אָפענע טירן,
זיי טוען שוין די יידן דאָרט אריינפירן.
צו ווערן דערשאָסן איז שוין פיל בעסער...
די וואַגאָנען זענען געפּאקט ווי הערינג אין פעסער.

דער צוג ער פאָרט, די רעדער זיי קלאַפּן,
אין די וואַגאָנען קאָן מען דעם אָטעם נישט כאַפּן,
דאָס געשריי פון די קרבנות איז זייער גרויס,
מענטשלעכע לעבנס גייען דאָרט באַלד אויס.

דאָרט ווו זיי פאָרן, ווייסט יעדער ווו אהין,
דאָס פארשאָלטענע אָרט רופט זיך טרעמבלין. [3]
אזוי ווי דער צוג טוט דאָרט בלייבן שטיין,
אין באָד אריין הייסט מען אַלע גיין.

גאָלד און בריליאנטן, אלץ וואָס די יידן פארמאָגן,
מוזן זיי אַליין די מערדער אוועקטראָגן,
אויף דעם אַלעמען האָבן זיי געארבעט דאָס גאַנצע לעבן,
און איצט מוזן זיי דאָס אַלץ אַוועקגעבן.

דאָרט אין באָד טוט מען זיי פארזאמלען,
שוועסטער, ברידער, טאַטע מאמע.
די טראַגעדיע פון דאָרט קאָן מען נישט באַשרייבן,
די פאַנטאַזיע קאָן זיך נישט פאָרשטעלן די ליידן.

אַזוי זענען אונדזערע ברידער אומגעקומען,
נישט געבליבן פון זיי אפילו קיין סימן.
נאָר איין זאַך, וואָס די דייטשן האָבן זיך נישט געטאָן ריכטן,
זיי האָבן פאַרגעסן, אַז די יידן קען מען נישט פאַרניכטן.

און איצט, איר אלע איבערגעבליבענע יידישע ברידער,
איר זעט, אויף דער וועלט קומט פאָר א גערודער,
באַ יעדערן, וואָס טוט נאָר דאָס הארץ קלאַפּן,
פאר דער שווערד מוזן מיר אלע כאפּן.

נקמה נעמען פאר די אומשולדיקע קרבנות,
און פאר די אַלע אָנגעמאַכטע חורבנות,
די דייטשן, די מערדער, די שאַרלאַטאַנען,
מיר מוזן זיי דאָס אַלעס גוט דערמאנען.

זאָל די גאַנצע וועלט זיך דערוויסן,
אַז עס פייניקט אונדז דאָס געוויסן,
די צייט וועט קומען, זייט גרייט צו קאמף
יעדער וואָס קאָן האַלטן געווער אין דער האנט. —

פון קליין ביז גרויס מוז מען זיי אויסשניידן,
זאָלן זיי וויסן, ווי גוט עס איז צו ליידן,

פאַר די אומשולדיקע לעבנס, וואָס זיי האָבן צעריסן,
מיר וועלן נקמה נעמען, מיר ווילן פון גאָרנישט וויסן.

דוד פאָגעלמאַן

(זע ז. 165). וואַרשע, 1944.

פון 22 יולי 1942 ביזן 21 סעפטעמבער 1942 האָבן די היטלעריטטן ארויסגעשיקט 300 טויזנט יידן פון ווארשעווער געטאָ אין טויט-לאגער אין טרעבלינקע.

---

1 אויפן באַפעל פון דער אָקופּאַנטישער מאַכט האָט דער לייטער פון דער אָרדענונגס-דינסט (יידישע פּאָליציי) אין וואַרשעווער געטאָ צוגעזאָגט דריי קילאָ ברויט און אַ קילאָ מאַרמעלאַד די אַלע, וואָס וועלן זיך פרייוויליק שטעלן צו דער דעפּאָרטאַציע.

2 „אומשלאַג-פּלאַץ" — דער פּלאַץ אויף סטאַווקי און ניסקע-גאַס, וו עס האָט זיך געפונען דער זאַמל-פּונקט פאַר די דעפּאָרטירטע. פון דאַנען פלעגן די אָנגעלאָדענע צוגן אָפּגיין קיין טרעבלינקע.

3 טרעמבלין — טרעבלינקע, וו די היטלעריסטן האָבן אומגעבראַכט 800 טויזנט יידן פון פוילן און אַנדערע אָקופּירטע לענדער.

## 26. כ׳ שעם זיך

ליבע פרוי מיין,
כ׳האָב דיך געבּרענגט אַהער,
אין הארצן א ווייטאָג,
אויף די באקן א טרער.

איך האָב שוין געוווּסט,
אַז מ׳גייט צום טויט אַצינד
און איך האָב דיך געלאָזט אליין
צוזאמען מיטן קינד.

און דו ביסט געגאנגען אזוי
מיטן קינד אויף דער האַנט,
געגאנגען אזוי שטיל,
אין דעם יודענלאַנד.

איך שעם זיך פאר דיר,
ס׳איז פינצטער מיין שעה;
כ׳האָב דיך געשיקט צום טויט
און איך בין געבליבן דאָ.

כ׳שעם זיך פארן הימל,
כ׳שעם זיך פאר דער ערד.
צי בין איך דען שוין
צו לעבן ווערט?

כ׳שעם זיך פאר די ביימער
ביים בערגל וואָס שטייען,

די וואָס האָבן געהערט
דיינע לעצטע געשרייען.

דאָס קינד האָט זיך געטוליעט
צו דיין קאָפּ צו
און ס׳האָט געפרעגט אזוי,
ווו איז דער טאַטע, ווו?

איך שעם זיך אזוי,
איך האָב נישט קיין רו,
די בוימער זיי פרעגן מיך:
ווו ביסטו, טאַטע, ווו?

ווו איך גיי, ווו איך שטיי
זע איך דיך אויף דער וואָר,
דיינע פארוויינטע אויגן
און די אָפּגעשוירענע האָר.

איך זע דיך אין רויך,
איך זע דיך אין פלאַמען,
איך זע דאָס קינד זיך טוליען
צו דיר, צו זיין מאַמען.

כ׳זע דיך ביים בערגל
אויף די בוימער אַלע,
כ׳זע דיך אצינד
ווי דו ביסט מיין כלה.

ס׳איז דיר שוין בעסער פאר מיר,
מיין טייערע, מיין זיסע,
ביסט שוין פטור געוואָרן
די שרעקלעכע תפיסה.

ליבע! איך בין דיר מקנא,
ס׳איז דיר שוין גוט,

דו זעסט נישט אצינד
די טרערן און דאָס בלוט.

ביסט פריי געוואָרן
פון אַלע צרות צוזאַמען,
דו זעסט נישט אויך
דעם רויך און די פלאַמען.

דו האָסט נישט אין הארץ
אַזאַ טיפע וווּנד,
ווי איך האָב דאָ
פון דיר מיטן קינד.

ווען ס׳וועט קומען די צייט
מ׳וועט מיך אויך טויטשלאָגן,
וועט אפילו נישט זיין
ווער ס׳וועט קדיש זאָגן.

דאָס ליד ווערט צוגעשריבן **מ. שענקער**
וואַרשעווער געטאָ.

## 27. אַ גאָלדענע צייט

מיר האלטן אַלע אין זכרון,
אין געטאָ איז א קאָמיסיע אריינגעפאָרן,
טשיכאָ־שא, טשיכאָ־שא,
אָרדענונגס־דינסט [1] באווייזט, צאָ טאָ יאַ.

אוי, אוי, אוי, א גאָלדענע צייט,
די ישועה איז שוין אויבעט ניט ווייט.
ברידערליך, נישט געפאלן זייט,
ס׳וועט נאָך זיין אָל־רייט!

מיר אַרבעטן אין געטאָ־באַטריבן,
מיר נייען און מיר צירעווען, מיר נייען און מיר שטריקן.
און אַ פּוטיאָווקע [2] שרייבט מען אונדז אויס,
נאָך טרעבלינקע [3] שיקט מען אונדז ארויס.
אוי, אוי, אוי, א גאָלדענע צייט...

דאָנערשטיק אינדערפרי איך גיי מיר אַרויס אין געטאָ,
איך גיב א קוק, ווי יעדער איינער טראָגט מיט זיך א פּעקל,
פרעג איך אים: וואָס פארא געהודער,
ענטפערט מען מיר: פארשטעק זיך, גוטער ברודער.
אוי, אוי, אוי, א גאָלדענע צייט...

פרייטיק אינדערפרי ווען די באַנדיטן זענען אריינגעקומען
און זיי האָבן אַלע יידן נאָך אוישוויץ [4] צוגענומען
און דער יודענראט האָט אונדז געגעבן צו ברויט
און מען האָט אונדז אלעמען אוועקגעפירט צום טויט.
אוי, אוי, אוי, א גאָלדענע צייט...

אויף פאבריטשנע גאַס האָט מען אונדז צונויפגעקליבן,
ווי די שעפּסן האָט מען אונדז אין וואַגאָנען געטריבן
און מען האָט אונדז געגעבן אויף צוויי טעג ברויט
און מען האָט אונדז אַלעמען אוועקגעפירט צום טויט.
אוי, אוי, אוי, א גאָלדענע צייט...

דער פירער אדאָלף היטלער האָט געשריבן אין די זיבן זאַכן,
אז איר, יודען, וועט שוין מער נישט לאַכן.
וואָס איז אונדז געבליבן אין געטאָ צו טאָן —
טרינקען שנאַפּס מיט סאַמאָגאָן...

אוי, אוי, אוי, א גאָלדענע צייט...
די ישועה איז אויכעט נישט ווייט...
ברידערלעך, נישט געפאלן זייט,
ס'וועט נאָך זיין אָל-רייט....

מחבר אומבאַקאַנט
ביאַליסטאָקער געטאָ.

אָנהייבנדיק פון פרייטיק, דעם 5־טן פעברואַר ביז פרייטיק, דעם 12-טן פעברואַר 1943 האָבן די היטלעריסטן פארשיקט אין טויט־לאַגער טרעבלינקע ביז 12.000 ביאליסטאָקער יידן און ביז 1000 אומגעבראכט אויפן אָרט. דער זאמל־פונקט פאַר די דעפּאָרטירטע האָט זיך געפונען אויף דאָג. פאבריטשנע און יוראָוויעצקע גאַסן.

דאָס ליד האָט מען געזונגען מיט דער מעלאָדיע פון דעם סאָוויעטישן ליד „נאַ ריבאַלקו".

1 אָרדענונגס=דינסט — יידישע פּאָליציי אין געטאָ.

2 פּוטיאָווקע (רוסיש) — שליחות=צעטל. מיט אַ פּוטיאָווקע פּאָרט מען אויף אַרבעט, אויף אַ קוראָרט א. א. וו.

3 טרעבלינקע — זע ז. 88.

4 אוישוויץ — זע ז. 143.

## 28. אָן אַ היים

אוי, אָן אַ היים, אוי, אָן אַ דאַך,
געוואַנדערט האָבן מיר אַ גאַנצע נאַכט.
נישט געוווּסט וווּ אַהין,
וואָס וועט זיין אונדזער ציל,
ווען וועלן זיך די צרות ענדיקן
און היטלער וועט איינעמען אַ סוף.

אוי, אָן אַ היים, אוי, אָן אַ דאַך,
געוואַנדערט האָבן מיר אַ גאַנצע נאַכט.
אוי, אָן אַ היים, אוי אָן אַ דאַך...

דאָס ליד ווערט צוגעשריבן אַ געוויסן גוטמאַן (נאָמען אומבאַקאַנט), סאָסנאָוויצער געטאָ, וועלכער האָט עס געזאָלט פאַרפאַסן אין שייכות מיט דער סעלעקציע אויפן אוניאַ־פּלאַץ אין סאָסנאָוויץ, וואָס איז פאָרגעקומען מיטוואָך, דעם 12-טן אויגוסט 1942 י., בעת די היטלעריסטן האָבן אַוועקגעשיקט צום טויט 8000 יידן.

## 29. מאַרקאָוושטשיזנע

אַ מאַרקאָוושטשיזנער בין איך,
דאָס פיל איך גוט,
נאקעט, מיט באָרוועסע פיס,
אַיעדער צאַפּט מיין בלוט,
„פארפלוכטער״ — שרייט מען אויף מיר
און דאָס הארץ טוט וויי,
געיאָגט און געטריבן,
ביי גאָרנישט געבליבן,
נאָר קלעפּ און געשריי.

ארבעט פלייסיק,
שנעלער מאך עס באלד.
פון „מעשל״ און דעם „געלן״ [1]
באקומסט דו דיין געהאלט.
אַ הינטיש לעבן,
אָן אינהאלט, אָן ציל,
מאַרקאָוושטשיזנע איז אַ טרויעריקע שפּיל.

כ׳האָב געהאט א טאטן,
א מאמעניו, אוי וויי!
שוועסטער און ברידער
אויך דערביי.
געבליבן בין איך אליין,
עלנט ווי א שטיין.
איצט שטיי איך ביי דער אַרבעט
און קריץ מיט די ציין.
(אַרבעט פלייסיק...)

איך האָב געהאַט א פרוי
ווי א מאמע געטריי,
קינדערלעך שיינע,
בריליאנטעלעך דריי...
צעשיידט אזוי פלוצלונג,
צעשיידט מיט געוואלד,
כ׳זועל קיינמאָל נישט פארגעסן
זייער ליכטיקן געשטאַלט.

(אַרבעט פלייסיק)

חנהלע, טייערע,
כ׳האָב געזען ווי דו וויינסט,
געוויזן אויף די קינדער,
פארשטאַנען, וואָס דו מיינסט.
כ׳האָב געוואָלט זיין מיט אייך צוזאמען
און שטאַרבן מיט אייך גלייך.
און איצט, וואָס פאר א ווערדע
האָט דאָס לעבן אָן אייך.

(אַרבעט פלייסיק...)

דער מאַמען אין ענגשאַפט
אויפן פלאַץ איר דערשטיקט, [2]
די איבעריקע נאָענטע
אויף יענער וועלט געשיקט...
היינט מוז איך אַרבעטן
ביי ציגל און ליים,
פון שטוב מיך פארטריבן,
די תפיסה — מיין היים.

(ארבעט פלייסיק...)

די תפיסה — מיין היים,
א שרעקלעכע נעסט,
קלעפּ און געשרייען,
חזירישע קעסט.
גאַנץ פרי צו דער אַרבעט
און שפּעט ביינאַכט אַריין
און איינער פרעגט דעם צווייטן
וואָס וועט פון אונדז זיין?!

(אַרבעט פליסיק...)

פאַר אַלע איין גורל,
פאַר אַלע איין שטרעבן,
אזוי ווי די ברידער
מוזן מיר לעבן.
ווען עס הונגערט דיין חבר,
דיין געוויסן איז אַוו?
טייערע מאַרקאָווטשיזנע,
ביסט נישט דערוואקסן דערצו...

(אַרבעט פליסיק...)

מאַרקאָווטשיזנער זענען מיר,
וואָס זאָל מיט אונדז נישט זיין,
אין דער געשיכטע מוזן מיר אריין.
מאַרקאָווטשיזנע, אַוו פירט דיין וועג?
צי וועט אונדזער שיפל
דערשווימען צו אַ ברעג?

אַרבעט פליסיק,
שנעלער מאַכט עס באלד;
פון „מעשל“ און דעם „געלן“
באַקומסטו דו דיין געהאלט.

א הינטיש לעבן,
אָן אינהאלט, אָן ציל.
מאַרקאָװשטשיזנע איז אַ טרױעריקע שפּיל.

מחבר אומבאַקאַנט

(דאָס ליד װערט צוגעשריבן י. צוקערמאַנען אָדער בערקאָװיטשן).

מאַרקאָװשטשיזנע — א גוט לעבן ביאַליסטאָק (האָט געהערט בעת דער אָקופּאַציע צום היטלערישן פּאָליציי־גענעראַל העלװיג), װו מען האָט געטריבן אויף צװאנגס־ארבעט יידן פון ביאַליסטאָקער געטאָ. דאָס ליד איז װארשײנלעך אַנטשטאַנען נאָך דער ליקװידאַציע פון געטאָ אין אויגוסט 1943. 120 יידישע מענער האָט מען איבערגעלאָזט אויף ארבעט אין מאַר־קאָװשטשיזנע.

---

[1] „מעשל" און דער „געלער" — אָלעיאַק (אָלעצקי?) און לענץ — אויפזעער אין מאַרקאָװשטשיזנע, װאָס האָבן זיך אויסגעטײלט מיט זײער אכזריות.

[2] דעם 15־טן אויגוסט 1943 — אין טאָג פון דער ליקװידאַציע פון ביאַליסטאָקער געטאָ, האָט מען אַרויסגעפירט די ביאַליסטאָקער יידן אויף אַ פעלד צװישן געטאָ און דער אײזנבאַן־ראַמפּע, װו מען האָט זײ במשך פון דרײ טעג אָפּגעהאַלטן אין ענגשאַפט, אָן אַ טראָפּן װאַסער — פון דאָרט האָט מען זײ אָפּגעשיקט קיין טרעבלינקע.

## 30. גיי, מיין קינד, שלאָפֿן...

גיי, מיין קינד, שלאָפֿן,
ווייל שלאָפֿן איז שוין צייט.
איך וועל דיר אונטערלייגן
דיין מאַנטעלע אונטערן זייט.

אַך, מאַמע, איך קען נישט שלאָפֿן,
ווייל קאַלט איז מיר אָן דיר.
וווּ איז דער פּאַפּאַ,
פֿאַרוואָס קומט ער נישט צו מיר?

איך וואַרט שוין טעג און וואָכן,
איך ווער שוין אַלט און גרוי;
איך וואַרט שוין טעג און וואָכן, —
ער איז נאָך אַלץ נישטאָ.

נאָר פּלוצלונג לאָזט זיך הערן
איינס, נישט צוויי, דריי טריט,
עס עפֿענען זיך די טירן,
ס'קומט אַריין פֿרידל [1] דער באַנדיט.

„גוט מאָרגן, פֿאַרשייטע יודען,
כ'האָב אַ נייעם באַפֿעל:
מען פֿירט אייך נאָך אָשוויענטשים, [2]
מען מאַכט פֿון אייך אַ תל...“

מחבר אומבאַקאַנט
ביאַליסטאָקער געטאָ.

[1] פֿריץ פֿרידעל — דער לייטער פֿון דער אָפּטיילונג פֿאַר יידישע ענינים אין דער ביאַליסטאָקער געסטאַפּאָ (פֿאַרמשפּט צום טויט אין דער פּוילישער פֿאָלקס־רעפּובליק).

[2] אָשוויענטשים — זע ז. 143.

## 31. דאָס פאַרוואָגלטע קינד

אין א ליטוויש דערפל ווייט,
אין אַ שטיבל אָן אַ זייט,
דורך אַ פענצטער נישט קיין גרויס
קוקן קינדערלעך ארויס:
ייִנגעלעך מיט פלאַקסן־קעפּ,
מיידעלעך מיט בלאָנדע צעפּ,
און צווזאמען דאָרט מיט זיי
קוקן שווארצע אויגן צוויי...

שווארצע אויגן פול מיט חן
און א נעזעלע א קליין,
ליפּעלעך צום קושן נאָר,
שטארק געלאָקטע שווארצע האָר.
די מאַמע האָט עס דאָ געבראַכט
איינגעוויקלט שפּעט ביינאַכט,
געקושט עס שטאַרק,
געוויינט, געקלאָגט
און שטיל זי האָט צו אים געזאָגט:

פון היינט, מיין קינד, איז דאָ דיין אָרט,
געדענק דיין מאַמעס לעצטן וואָרט.
איך באהאלט דיך דאָ דערפאר,
ווייל ס'דראָט דיין לעבן א געפאר.
מיט די קינדער שפּיל זיך פיין,
זאָלסט שטיל, געהאָרכזאַם, רואיק זיין.
קיין יידיש וואָרט, קיין יידיש ליד,
ווייל דו, מיין קינד, ביסט מער קיין ייד.

דאָס קינד געבעטן זיך ביי איר:
איך וויל, מאמע, זיין מיט דיר!
לאָז נישט איבער מיך אַליין!
עס האָט געציטערט און געוויינט.
זי האָט אים צוגעזאָגט א סך,
נישט געהאָלפן האָט קיין זאַך,
עס האָט געשריען ניין און ניין,
כ׳וויל נישט בלייבן דאָ אליין.

אויפן האַנט גענומען אים
און מיט א ציטערדיקער שטים,
ווי אַמאָל אין שטוב ביי זיך
איינגעשלעפערט אים אויף גיך.
מיט רויטע אויגן פון געוויין
געקושט זיין קעפעלע די קליין,
געקושט אים מיט א הארץ פול שרעק,
אליין געלאָזן און אוועק.

א קעלט אין דרויסן און א ווינט,
א שטימע הערט זיך, אוי, מיין קינד!
געלאָזן דיך אויף פרעמדע הענט,
נאָר אַנדערש האָב איך נישט געקענט.
עס גייט א מאמע, מיט זיך רעדט,
אין דרויסן שרעקלעך קאלט און שפעט,
עס ווייט אין פנים איר דער ווינט,
גאָט, האָב רחמנות אויף מיין קינד!

א פרעמדע שטוב מיט מענטשן פול,
ער גייט ארום זיך פרעמד און שטיל.
רעדט נישט, רעדט נישט, וויל קיין זאַך,
זעלטן ווען ער גיט א לאַך.
פרעמד פאר אים איז יעדע שטים,
פרעמד די שפראך, מען רעדט צו אים,

זיין נאָמען יאָסעלע אויך פרעמד
זיין קינדער־הערצל שטארק פארקלעמט.

א מאמעס הארץ עס פילט גאַנץ גוט,
זי רוט נישט איין קיין איין מינוט,
זי פילט דאָס הארץ עס גייט איר אוים,
זייט יאָסעלע איז פון שטוב ארוים.
צו משהס מאַמען איז זי גלייך,
אזוי ווי משהן אויפן טייך:
עלנט, איינזאַם, אויפן ווינט
האָט זי געלאָזן אויך איר קינד.

## חנה חייטין

שאַוולער געטאָ.

חנה חייטין, געבוירן אין שאַוול (ליטע). געווען אין שאַוולער געטאָ, פאַרשיקט געוואָרן אין שטוטהאָפער קאָנצענטראַציע־לאַגער. נאָך דער באַפרייונג — געדרוקט לידער אין דער צייטונג „דאָס נייע לעבן" (לאָדזש), ווי אויך אין אַ ריי יידישע אויסגאַבעס אין דייטשלאַנד (אין 1945 — 1949) און אין ישראל.

„דאָס פאַרוואָגלטע קינד" איז געווען זייער פאָפולער בעת דער אָקופאַציע־צייט, מען האָט עס געזונגען אונטער פאַרשיידענע נעמען („אַ יידיש קינד", „אין אַ ליטוויש דערפל") און אין פאַרשיידענע וואַריאַנטן.

## 32. געטאָ־ליד

ס׳גייען קאָלאָנעס, ס׳גייען קרבנות,
פינצטער חושך איז די נאכט,
דער פראָסט ווערט אַלץ גרעסער,
דער ווינט שניידט, ווי מיט א מעסער,
זיי גייען פון שיכורים באוואכט.
דער הימל און די שטערן,
דער טאָג וויל העל נישט ווערן,
שוואַרצע וואָלקנס פינצטער און שטום.
דאָס איינציקע, וואָס זיי באגלייט
זענען די אויפזעער פון טויט
און שווארצע וואָראָנעס ארום.

איר גייט אוועק און קומט שוין קיינמאָל מער נישט ווידער,
איר גייט אוועק אין אַזאַ ווייטן וועג,
מיר בלייבן דאָ, אייערע מערדער צו באדינען
מיט אַרבעט, שוויס, זייער מיטלייד צו געווינען.

פארמאטערט, פארקוועלט
פון סאדיסטן, פון קעלט,
נישטאָ מער קיין האָפענונג, קיין מוט.
אַלץ פארלאָרן, אַלץ צו נישט געוואָרן,
נישטאָ מער קיין פריינד, קיין גאָט.
שווער איז צו קלערן, נישטאָ מער קיין טרערן,

דאָס לאַבן קומט אוים פאַלש און ווילד.
ווי שלאָפט מען אויף אייביק איין,
ווי הערט מען אויף צו זען
פאר די אויגן שטענדיק דאָס בילד.

דאָס ליד ווערט צוגעשריבן **מ. לייבאָוויטש**

ריגער געטאָ.

(זע זייט 106)

## 33. אָ, זאָג מיר, ווו זייט איר געבליבן?

אָ, זאָגט מיר ווו זייט איר געבליבן,
איר טייערסטע, וואָס מיר האָבן פארמאָגט.
אין א ווינטערדיקן מאָרגן, א טריבן
האָט מען אייך גרויזאַם פאריאָגט
איבער פעלדער, איבער וועגן,
אין גרויזאמען עלנט און נויט,
דאָס טייערסטע, וואָס מיר פארמאָגן,
געיאָגט אויף א שרעקלעכן טויט.

אָ, זאָגט מיר ווו זייט איר געבליבן?
זאָגט זשע אין וואָס פארא לאַנד?
ווו האָבן אייך די מערדער געטריבן
מיט קינדערלעך קליינע אויף די הענט?
אייך געפייניקט און געשלאָגן,
צוגענומען א פיצעלע ברויט.
דאָס טייערסטע, וואָס מיר פארמאָגן
געיאָגט אויף א שרעקלעכן טויט!

מיר זענען איצט עלנט געבליבן,
אין טרויער, בענקשאַפט און פיין,
מיט די אַלע וועמען מיר ליבן
צוזאמען שוין קיינמאָל נישט זיין.

מיט אונדזערע טייערסטע, אונדזערע בעסטע,
זוי גרויזאַם מען האָט אונדז צעשיידט.
ס'ווילט זיך איינמאָל כאָטש צוזריקן פעסט אייך
און טריי בלייבן ביז צום טויט...

דאָס ליד ווערט צוגעשריבן **מ. לייבאָוויטש**
ריגער געטאָ.

דעם 30 נאָוועמבער און דעם 8 — 7 דעצעמבער 1941 זענען פאָר־געקומען בלוטיקע „אַקציעס" אין ריגער געטאָ, ווען עס איז אומגעבראַכט געוואָרן כמעט די גאַנצע באַפעלקערונג פון געטאָ. פאַרן אָפשיקן צום טויט האָט מען פון פרויען און קינדער אויפן פראָסט צוגענומען די מאַנטלען, אַרויסגעריסן פון האַנט דאָס לעצטע שטיקל ברויט און דאָס קלענסטע פעקעלע. נאָך דער אַקציע זענען אין געטאָ פאַרבליבן אַן ערך 4.000 יידן — דער עיקר מענער, וואָס זענען אָפגעטיילט געוואָרן פון זייערע משפחות און אינטערנירט געוואָרן אין אַן אַרבעטס־לאַגער.

דער מחבר פון די לידער „אָ, זאָגט מיר ווו זייט איר געבליבן" און „געטאָ־ליד" איז ווארשיינלעך געווען צווישן די אינטערנירטע.

אין מאי — יוני 1942 איז דער אַרבעטס־לאַגער ליקווידירט געוואָרן.

## 34. אויף מײַן מוטערס טויט

א רעגן האָט א גאנצע נאכט געגאָסן,
פֿון אַלע זײַטן האָבן זיך געהערט אײַנציקע שאָסן.
נאָך יעדער שאָס איבער דעם הויכן וואלד,
האָט זיך געהערט אַ גרויס געוואַלד.

אויף א בלינדן וואלד־וועג געפֿאָרן זענען שליטנס צוויי,
אויפֿן צעגאנגענעם, ערשט געפֿאלענעם שניי.
די פֿערד זענען געגאַנגען טראָט ביי טראָט,
אזוי ווי דער טויט האָט זיי געדראָט.

דער רעגן, דער גרויסער וואלד און אלעס ארום
האָבן זיך געבעטן: מענטשן, קערט זיך צוריק אום.
די זאַכן פֿון רעגן שטאַרק צעווייקט,
די קעפּ פֿון צרות צו דער ערד געבויגט.

געפֿאָרן, געבלאָנדזשעט אויף אומבאַקאַנטע וועגן
אין אַזאַ קאַלטן, אָסיענדיקן רעגן.
אַ פּאָר מאָל האָבן זיך די שליטנס איבערגעקערט,
אַלע פּעק צעפֿאַלן אויף דער נאַסער ערד.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט, די פּעק צוזאַמענגעקליבן,
און ווייטער געפֿאָרן, און ווייטער געריבן.
מײַן מוטער האָט ווייטער נישט געוואָלט פֿאָרן,
זי האָט געזאָגט: אָט דאָ ענדיקן זיך מײַנע יונגע יאָרן.

אַזוי ווי דאָס האַרץ האָט איר פֿאָרגעזאָגט
וועגן דעם פֿינצטערן, שרעקלעכן קלאָג.

אַ האַרץ איז אַ זייגער, אַ האַרץ זאָגט אָן.
אַ גאַנצן וועג האָט מיין מוטער געערדט אויפֿן נידעריקן טאָן.
אַזוי זענען מיר געפֿאָרן אין דעם גרויסן וואַלד,
ווו מיין מוטער פֿאַרלאָרן האָב איך באַלד.

פֿיר טעג, פֿיר נעכט זענען מיר אין גרויסן וואַלד געווען,
איין שעה, איין טאָג קיין גוטן נישט געזען.
פּלוצלונג אַן אַבלאַווע, אַ שרעק,
מיין מוטער איז אויף אייביק פֿון מיר אַוועק.

אַ שיסעריי איז געווען, מיין מאַמע האָט זיך פֿון אונדז אָפּגעשיידט,
אַנטלאָפֿן אין וואַלד און געפֿאַלן טויט.
אַזוי האָבן אונדז מענטשן דערציילט, וועלכע צוזאַמען זענען געווען,
וועלכע מיין מוטער אַ טויטע האָבן געזען.

אין דעם גרויסן וואַלד, איך אַליין ווייס נישט ווו,
ליגט מיין טייערע מוטער אין איר אייביקער רו.
אין וואַלד וואַקסט אַ בוים, נישט ווייט אַ גרוב —
דאָרט איז מיין מוטערס אייביקע שטוב.

אַזוי איז אומגעקומען מיין טייערע מוטער,
פֿון דער זעלבער קויל איז געפֿאַלן מיין בעסטער ברודער.
אַזוי זענען דורות אומגעקומען:
טאַטעס, מאַמעס, קינדער, יונגע בלומען.

שטענדיק דערמאָן איך די שרעקלעכע מינוט,
ווען עס האָט זיך פֿאַרגאָסן אונדזער יידיש בלוט.
דאַן נעמט מיך אָן אַ מורא, אַ שרעק
און איך גיי מיר ווייט פֿון מענטשן אַוועק.

און ווען איך געפֿין זיך שוין אײנער אַליין,
יאָס האַרץ נעמט שטאַרק קלאַפּן, איך באַגיס זיך מיט אַ גרויס
געוויין.

נאָר דאָך האָבן זיך געפֿונען העלדן בײַ ייִדן,
וועלכע פֿאַר זייער אומשולדיק בלוט האָבן נישט געשוויגן.
אין די ערשטע פּאַרטיזאַנישע רייען, נישט רוענדיק קיין מינוט
נקמה גענומען זיי, פֿאַר אונדזער אומשולדיק בלוט...

דאָס ליד ווערט צוגעשריבן **אליהו קושעלעוויטש**

## 35. דער דריטער פּאָגראָם

ליג איך אויף דעם קאַלטן בוידעם,
ליג איך שפּעט ביינאַכט;
נישט געגעסן, נישט געטרונקען,
ליג איך דאָ פאַרטראַכט.

די ברידער דערשאָסן, די שוועסטער פאַרלוירן,
אָרעם בין איך ווי די נאַכט;
דעם טאַטן פאַרנומען האָט די געסטאַפּאָ —
דריי פּאָגראָמען שוין געמאַכט.

דער טויט האָט אַלץ אַוועקגענומען,
און מיך געלאָזט אַליין.
און היינט ליג איך אויף דעם בוידעם,
ליג איך און איך וויין.

צי בין איך פון אַ שטיין געבוירן?
צי האָט מיך קיין מאַמע געהאַט?
פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ לעבן,
פאַרוואָס האָב איך דערלעבט די צייט?

געהאַט אַמאָל אַ שטוב אַ זאַטע,
וואַרעם, ליכטיק און ברידער אַרום זיך;
און היינט ליג איך אויף דעם בוידעם,
ליג איך און איך וויין.

אוי, אוי, ברידערלעך! אוי, אוי, שוועסטערלעך!
ווו איז אייער געביין?
ס׳איז קאַלט צו ליגן, ס׳איז שווער צו לעבן,
ליג איך און איך וויין.

דאָס ליד ווערט צוגעשריבן אַ דרייצן-יעריק ייִנגל יצחק פליישער. מען האָט עס געזונגען אין ראָזשישטש — ביי לוצק.

## 36. פֿאַרוואָלקנט דער הימל

פֿאַרוואָלקנט דער הימל,
קיין שטראַלן זעט מען נישט,
עס רוישט אין אַלע גאַסן,
עס בושעוועט, עס ברענט,
קרבנות, רציחות
פֿון היטלעריסטישע הענט.

אך, ווי אַזוי שווייגסטו דעם גוי?
האָב, טאַטע, רחמנות!
אויפֿן הימל גיב אַ בליק,
אויף דייטשלאַנד גיב אַ בליק,
לעש אוים דאָס פֿייער
און זאָל שוין זיין גענוג.

אַלטיטשקע, זקנימלעך
מיט די גרויע בערד,
מען שעכט זיי ווי די רינדער,
מען וואַרפֿט זיי אויף דער ערד.

קליינינקע קינדערלעך
פֿון דער מוטערס ברוסט,
מען שעכט זיי ווי די רינדער,
מען וואַרפֿט זיי אויף די מיסט.

אך, ווי אַזוי שווייגסטו דעם גוי?...
מיר שרייען אַריבער אויף יענער זייט טייך,
האָט אויף אונדז רחמנות

און נעמט אונדז צו צו אייך,
מיר וועלן זיך באַנוגענען
מיט אַ קליין שטיקעלע ברויט,
אַבי נישט צו קריגן
פון היטלערן דעם טויט.

אך, ווי אַזוי שווייגסטו דעם גוי?
האָב, טאַטע, רחמנות!
אויפן הימל גיב אַ בליק,
אויף דייטשלאַנד גיב אַ בליק,
לעש אויס דאָס פייער
און זאָל שוין זיין גענוג.

מחבר אומבאַקאַנט

דאָס ליד איז געזונגען געוואָרן אין אַ ריי לאַגערן (אין אייניקע וואַריאַנטן פון דעם טעקסט פיגורירן די לאַגערן קאַמיאָנקאַ און ליסאָווצע). נחמן בלומענטאַל, אין זיין אַרטיקל „די מיגראַציע פון יידישן פאָלקס־ליד אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע" („יידישע קולטור", ניו־יאָרק, יולי 1946), ווייזט אויף, אַז „פאַרוואַלקנט דער הימל" איז איבערגעאַנדערשט פון אַ ליד, וואָס איז געזונגען געוואָרן אין די צוואַנציקער יאָרן אין בעסאַראַביע דורך פליטים, אַנטלאָפענע פון פעטליורעס פּאָגראָמען. צווישן אַנדערע ענדערונגען איז פון „איכה, ווי אַזוי שווייגסטו דעם גוי" — געוואָרן „אַך, ווי אַזוי שווייגסטו דעם גוי".

# 37. אַן אַקציע אין ס. ס.־לאַגער

דאָרט אינעם גערטל בײַם גרובן
ליגט אַ יונגע פֿרױ אין פֿלאָגן,
הענט און פֿיס אָפּגעפֿרױרן.
דאָרט אין גערטל בײַם מאַסן־קבֿר
פֿירט אױס עקזעקוציעס,
דער לאַגער־פֿירער איז עס,
דעם שאַרפֿירער טראָגט ער,
יאָזעף שװאַמבורמער הײסט ער,
פֿון דער שטאָט אינסברוק איז ער.

אָט פֿירט מען שױן פֿון די קאָשאַרן,
מיט פֿיל װאַכן אַרום גרײטע באַגנעטן,
מיט שטריק בײַם האַלדז אינאײנעם געבונדי
עלטערן און קינדער,
שװעסטער און ברידער,
יונג און אַלט,
אָרעם און רײַך
איצט אַלע גלײַך.

זעט, װי זײ גײען צו פֿיר,
און קױם מיט די פֿיס אַ ריר,
ביסט אױפֿן װעג פֿונעם װאַך־קאַפּראַל
און פֿון די אַלע היענעס —
מאַלאַגאַ איז זײַן נאָמען,
אױס דראָהאָביטש שטאַמט ער.
אַ צי בײַם צינגל און קראַך,

ליגסט שוין אַ טויטער,
פֿאַרגאָסן מיט בלוט
דיין אייגענער, רויטער.

דאָס אַרט נישט קיינעם.
ווער ביסטו דען, אַ ייד, אַ פֿעטער?
לאָזט צורו אייערע טויטע געטער,
און שלאָגן מיט קאָלבעס פֿונעם געווער,
דאָס איז אונדזער פּירערס באַגער.
נאָר לויפֿט גיכער, גיכער אַ ריר! —
שרייט דער קאָמענדאַנט אַהער.
ראַש ראַש! אויסטון זיך גאַנץ נאַקעט,
סאַבאָטירט נאָר נישט, מיסטהאַופֿן!
די לייבער ציטערן,
פֿרויען שעמען זיך,
אויסטון גייט נישט גיך,
אַצינד רופֿט ער דעם הונט:
פּרינץ! פּרינץ!
דער הונט רייסט שטיקער
לעבעדיקערהייט פֿון זיינע קרבנות,
דאָס בייסן פֿונעם הונט איז אָן רחמנות,
און דאָס יאָמערן פֿון די געמוטשעטע.

לאָסס! לאָסס! הורן, קאַנאַליעס!
קראַך! קראַך! קראַך!
די וועלט קוקט דאָס אַלעס צו,
ווי יידן האָבן נישט קיין רו,
אין דעם טאָג איבער די אַכציק פֿיר
און אַהוץ די נאָך אָן אַ שיעור.
אויף דעם ימח שמו׳ניק קוקט נאָר צו, קוקט נאָר צו,
זיין תאווה האָט נאָך היינט נישט קיין רו.

אַרויס פֿון דער אַרבעט,
ווייניק, ווער ס׳האָט נאָך זיין הויזגעזינד,

פון אכט און צוואַנציק טויזנט יידן,
צוויי — דריי מנינים געבליבן,
בגנבה צוגעקומען צום מאַסן-קבר,
מענטשן, וואָס זעט איר,
ס'שטאַרבט אָפּ יעדעס אבר,
מלבושים אָן א שיעור,
די ערד רירט זיך נאָך.
הערט! הערט! קולות, שטימען פון קינדער,
אויסגעגליינגט ווי סטאַדעס רינדער;
בלוט אַרום און אומעטום,
עס קאָכט, עס זידט, עס רופט:
נקמה! נקמה! נקמה!

## ריינהאַרץ איססעל

פשעמישל, נאָוועמבער 1943.

דאָ ווערט, ווארשיינלעך, געמיינט דער ס. ס. שאַרפירער יאָזעף שוואַמ־בערגער, וועגן וועלכן מען האָט דערציילט, אַז ער איז אַן אַפּטייקער פון אינסברוק. שוואמבערגער איז באַקאַנט צוו. אַנד. מיט זיינע פאַרברעכנס אין די צוואַנגס־אַרבעטס-לאַגערן אין ראַזוואַדוו (נישט ווייט פון סטאַ־לאָווא וואָלאַ) און פשעמישל. בעת דער ליקווידאַציע פון פשעמישלער געטאָ אין סעפטעמבער 1943 האָט ער אַליין דערשאָסן הונדערטער יידן.

## 38. דער אומעט וועקט פון שלאָף

דער אומעט וועקט פון שלאָף אויף אַ יעדן פרימאָרגן,
אינדרויסן די זון וואַרעמט און ברייט,
און עס ברענט מיר אַ יעדער גליד.
אַ פּיין איז פאַרבאָרגן, באַגלייט פול מיט זאָרגן
און עס ברענט מיר אַ יעדער גליד.

אוי וויי, פאָטער, פאָטער מיין געטרייער!
זאָג מיר, וואָס זשע ביסטו אַזוי פאַרטריבט?
אוי וויי, ברודער, ברודער מיין געטרייער!
מען שלאָגט מיך, ווייל איך בין אַ ייד.

די וועלט איז גרויס, לאַנג און ברייט,
פאַר מיר איז זי נאָר ענג און קליין.
מען שיסט, מען טרייבט, מען יאָגט פון יעדער זייט
אָ, זאָג מיר ווו אַהין זאָל איך גיין?

איך ליג אין אַ קבר אין חושך און פיבער,
אין דרויסן דער טאָג אַזוי שיין,
אין שטעטל שוין ווידער דערשאָסן מיינס אַ ברודער,
אָ, זאָג מיר ווו אהין זאָל איך גיין?

דער צער פון דער וועלט האָט אונדז אויסגעקליבן
צום עלנט, וואנדער און פּיין,
עס איז אונדז גאָרנישט פאַרבליבן, פון דער היים אונדז פאַרטריבן
און איך וואַנדער הילפלאָז אליין.

מיין מאַמע געשטאָרבן, דעם טאַטן דערשאָסן,
מיין ברודער פאַרשלעפּט ווו אוועק,

שוין אַ טייך אָפּגעפלאָסן, פון בלוט פיל פאַרגאָסן
און עס נעמט נאָך אלץ נישט קיין עק.

די ערד מיין מאַמע, מיינע ברידער — די שטיינער,
מיין געלעגער איז ליגן אין א גרוב.
דער טאָג איז נישט מיינער, ביינאכט לאָזט מיך נישט קיינער
אויף א ווײלע אריין אין שטוב.

לויף איך און וואַנדער, דער רעגן קלאַפּט צו,
איך לויף, ביז כ׳פאל אוועק מיד.
אַז כ׳האָב נישט קיין וווּ, כ׳האָב נישט קיין רו,
דערפאר בלויז, ווייל כ׳בין א ייד.

אייזנבערג

קעלצער געטאָ.

## 39. אין דער היים

געקומען צוריק אַהיים צו גיין
און געטראָפן די ווענט אַליין,
קיין טיש, קיין באַנק, קיין בעט, קיין דעק,
נאָר דער זייגער האָט זיך דערוועקט.

און אויף דער וואַנט, פֿאַרשטויבט, פֿאַריסט
טיקטאַקעוועט אויס אַ באַגריס:
שלום-עליכם! טיק טאַק!
נו, שנעלער אַראָפּ דעם פּלעצאַק!

איך לייג צוריק מיינע וואַנדער פּעק,
די פּלעצאַקעס און די טאָרבע —
און איך קוק מיך אַרום מיט שרעק —
פֿון אַ שטוב געוואָרן אַ חורבה.

קיין שאַנק, קיין טיש, נאָר הוילע וואַנט,
אַלעס פֿאַרקויפֿט פֿאַרן טראַנספּאָרט.
כאַ... כאַ... כאַ... איך האָב מיך דערמאָנט,
כ'בין טאַקע צוריק אויף מיין אָרט?!

**נחום טשעכאַנאָווסקי.**
לאָדזשער געטאָ, 16 יולי 1944 י.

סוף יולי 1944 י. האָט זיך אָנגעהויבן די ליקווידאַציע פֿון לאָדזשער געטאָ. דער מחבר פֿון דעם ליד, וואָס איז וואַרשיינלעך געווען באַשטימט צום טראַנספּאָרט, איז אין לעצטן מאָמענט באַפֿרייט געוואָרן און געקומען

מיט די פעקלעך „צוריק אַהיים״. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז נחום טשעכאַנאָווסקי איז אַ פּסעוודאָנים פון אַ לאָדזשער יידישן שרייבער.

אין אַרכיוו פון ייה״א האָט זיך אויפגעהיט די בקשה פון דעם יידישן דיכטער ישראל בער איצינגער (פּסעוודאָנים אלתר שנור), וואָס האָט גע־אַרבעט אין געטאָ אין דער פּאַרבערײַ נומ. 50. איצינגער איז געווען באַ־שטימט צום טראַנספּאָרט און האָט געבעטן אים צו באַפרייען פון דער דעפּאָרטאַציע. די בקשה איז פארזען מיט אַ פּאָזיטיווער רעזאָלוציע פון דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע מיט דער דאַטע 9 יולי 1944 י., דערבײַ ווערט באַשטעטיקט (אונטערגעשריבן אַדוו. נעפטאלין), אַז איצינגער פיגורירט אויף דער ליסטע פון די געטאָ־ליטעראַטן. וואַרשײַנלעך איז די גאַנצע שרײַבער־גרופּע פון לאָדזשער געטאָ באַפרייט געוואָרן פון דער דעפּאָר טאַציע. נישט אויף לאַנג. אין אויגוסט 1944 איז דאָס לאָדזשער געטאָ אינגאַנצן ליקווידירט געוואָרן, די לעצטע יידן זענען אָפּגעפירט געוואָרן קײַן אוישוויץ.

## 40. דער ברודער־קבר אין קלאָגע

אויפגעשיינט האָט די זון פרי באַגינען
מיט איר ליכטיקייט, שיינקייט און פראַכט,
נישט אַרויף איז דאָס אונדז אויפן זינען,
אַז פאַרביי איז דאָס די לעצטע נאַכט.

אָ, איר טייערע ברידער און שוועסטער,
טאַטע, מאַמע און קינדער גאָר קליין!
שווער, פאַרביטערט דאָס לעבן דאָס בעסטע,
גרעסער ווערן די צרות און פיין.

ס'וועט קיין פרילינג פאַר אונדז מער נישט קומען,
ס'הערט נישט אויף זיין די פינצטערע נאַכט,
ס'וועלקן, טריקענען יונגינקע בלומען,
אונטער דראָטן פאַרצאַמט און פאַרמאַכט.

שיינט די זון אויף דער ערד אירע שטראַלן;
גרינען גראָזן און ס'בליט אויף דער מאַי.
יונגע לעבנס אויף אייביק פאַרפאַלן,
אין אַ „קלאָגאַ" אַ לאַגער אַ ניי...

אין אַ וועלדל, אַ גרינעם, אַ שיינעם,
צווישן ביימער גאַנץ הויכע און פיל,
ליגן יידן דערהרגעט אינאיינעם
אין אַ קבר אַ קאַלטן גאַנץ שטיל.

איינזאַם, עלנט אַליין שטייט דער קבר —
זינגט אַ פויגל אַ טרויעריק ליד;
יועגן בלוטיקן טאָג אין סעפטעמבער,
יועגן טראַגישן גורל פון ייד...

נוחבר אומבאַקאַנט
לאַגער אין קלאַגע (עסטלאַנד)

דעם 19 סעפטעמבער 1944 י. זענען אומגעבראַכט געוואָרן די לעצטע יידן אין קלאָגע. יעדע פּאַרטיע יידן, וואָס מען האָט געבראַכט אין שכנותדיקן וואַלד צו דערשיסן האָט מען געצוווּנגען זיך אַוועקצולייגן אויף די קלעצער, מיט וועלכע זיי האָבן געמוזט צודעקן די פריער דערשאָסענע. נאָך דער עקזעקוציע האָט מען די קלעצער מיט די דערשאָסענע באַגאָסן מיט בענזין און אונטערגעצונדן. בלויז אַ הייפל, וואָס האָט זיך באַהאַלטן האָט אויס געמיטן דעם טויט. אין קלאַגע איז, צום. אַנד. אומגעקומען אַ גרויסע צאָל ווילנער יידן.

## 41. מיין ברודער

אָ, גרינער בוים, דו בליסט אַזוי,
און ס'גרינען דיינע בלעטער,
עס פאַלט אויף דיר אַ זילבער־טוי
אין אַ טומאַנעם וועטער!

און יעדן טאָג קוק איך אויף דיר,
ווי דו וואַקסט שענער, העכער...
און פול מיט פרייד דאָס האַרץ אין מיר
און פול מיט גליק מיין בעכער...

נאָר פּלוצלונג וואָס האָט דאָ פּאַסירט?
נישטאָ מיין בוים דער שיינער.
אַ מערדער האָט אין וואַלד שפּאַצירט,
וואָס האַקט נאָר יונגע ביימער.

נישטאָ קיין בוים, נישטאָ קיין בלום,
נישטאָ קיין גרינע בלעטער,
אַ טויטער ליגט ער אַזוי שטום
אין אַ טומאַנעם וועטער.

נאָר נישט געווען איז דאָס קיין בוים,
קיין בלעטער און קיין בלומען,
אָ, ברודער מיינס, עס גלויבט זיך קוים...
ביסטו דען אומגעקומען?...

צי האָסטו וועמען שלעכטס געטאָן?
צי האָסטו וואָס פאַרבראָכן?
די מערדערישע קויל האָט אירם געטאָן —
דיין לעבן אונטערגעבראָכן.

דו לעבסט נישט מער, מיין הארץ, מיין טרייסט,
מיין לעבן און נחמה...
נאָר ס׳שוועבט פאַר מיר דיין הייליק גייסט,
דיין בלוט, וואָס רופט נקמה!!!

מחבר אומבאַקאַנט
לאַגער אין קלאַגע (עסטלאַנד)

## 42. איך זע אײַך, אויגן

איך זע אײַך, אויגן, טרויעריקע, נאַסע,
וואָס דריקן אויס נאָר צרות, לײַדן, פּײַן...
איך זע אײַך, פּנימער, צעמאַטערטע און בלאַסע,
וואָס גאַרן נאָך אַ ליכטיקן זונען־שײַן.

יאָ, אומגליקלעכע שוועסטער, ברידער!
איר ליגט שוין שטום און רעדט נישט מער...
שוין ציטערן בײַ אײַך קיין גלידער,
שוין רינט בײַ אײַך פֿון אויג קיין טרער...

נאָר ס׳קוקן אויגן צווײ אַרויס
פֿון יעדער אײנציקער נשמה:
פֿאַרגלאָצט פֿון פּײַן און ווייטיק גרויס,
וואָס רופֿט און מאָנט נקמה!!!

מחבר אומבאַקאַנט
לאַגער אין קלאָגע (עסטלאַנד)

## 43. דין־תורה

פֿאַר אייך, ר׳ נחום,
אַ ייד אַ חכם,
האָב איך אַ דין־תורה,
און טאַקע מיטן בורא!

— וואָס, צי רעדט איר פֿון חלום,
אַראָפּ פֿון זינען, חס־ושלום?
— ניין! חלילה וחס,
איך מיין אויך קיין שפּאַס.

גאָט האָט אין תורה געשריבן,
פֿון פֿעלקער אונדז געקליבן,
געמאַכט אויסדערוויילט, אַן עם סגולה,
און דאָ קיין גלייכהייט אפֿילו?

ווען מען שניידט אַ פֿעלד אַוועק,
מוז מען לאָזן אַן עק.
און אונדז שניידט מען ווי ווילדע גראָזן
און מען וויל גאָרנישט איבערלאָזן?

ער שרייבט: ואכלת ושבעת.
צי איז עס קאַווע מיט בלאָטע,
שובעבץ [1] און רעטעך־בלעטער,
וואָס מיר עסן דאָ אין געטאָ?

אברהם מייזלס.
לאָדזשער געטאָ

[1] שובעבץ — קאַרטאָפֿל־שאָלעכץ.

## 44. עס ווילט זיך פרעגן

ווו ביסטו עס, דו גרויסער גאָט פון נקמה,
וואָס רופסט זיך אבי יתומים, דיין אלמנות,
ביסטו נאָך אַלץ שדי צבאות און העלד,
וואָס פירסט אָן און רעגירסט די וועלט?

צי זענען די הימלען גאָר ליידיק און פוסט
און אַלץ דאָרט איז תוהו ובוהו און וויסט,
און שדים, מזיקים טאַנצן דאָרט אַ קאראהאד?
זאָג! ענטפער! דו האַר גרויסער און גאָט!

צי האָסטו גאָר אפשר געמאַכט קאָנשאַכטן
מיט די אַלע בייזע און פינצטערע מאַכטן
און מיטן מלאך המות דעם גרויסן שעכטער?
זאָג, אדרבא, דו שופט אמתער, גערעכטער!

צי האָסטו עס אָנגעשיקט אָט די גרויסע שטראָף,
אָדער פון אַלטקייט ליגסטו אין דרימל, שלאָף,
און ווייסט נישט צומאָל, וואָס טוט זיך אויף ערד,
אַ סימן ביז היינט האָסט זי נישט איבערגעקערט.

קען מען בלייבן אַ מאַמין, אַ גלויבער,
ווען מען זעט, אַז זיין גאָט איז אַ טויבער,
מוז מען נישט ווערן אַן אפיקורס, אַ זינדער,
ווען גאָט האַלט אויגן צו, ווי אַ בלינדער!

זאָג, ענטפער, דו צאָלער און פאַרגעלטער,
שטייסט אין הילף דיינע אייביקע שעלטער

און לאָזט מאָרדן און שעכטן מיליאָנען,
יענע, וואָס האָבן געקניט פאַר דיינע טראָנען.

אונדז האָסטו געגעבן געבאָטן, געזעצן,
אָפּהיטן זיי געהייסן און נישט פאַרלעצן,
אַז ביטער און ווי צו אונדז און אָך,
פאַר אונדז נאָר האָסטו געשריבן לא תרצח!

אונדז אָבער מעג מען הרגענען, שעכטן,
און מיר זאָלן האַלטן דיך פאַרן גערעכטן,
און קדוש, קדוש, קדוש דיר נאָך שרייען,
בוקנדיק און בויגנדיק זיך אין דרייען.

ווו איז דיין צוזאָג און געטלעך וואָרט,
געזאָגט פייערלעך אויף דעם הר סיני דאָרט,
הייליק וועט איר מיר זיין און טייער,
ווייל איר נעמט מיין תורה, געגעבן אין פייער.

וואָס זענען מיר נישט אויסגעשטאַנען צוליב דער תורה,
עס איז דאָך אַ שרעק, אַ געוואַלד, אַ מורא,
רדיפות, עלילות, צרות, פיין און שלעק
און איצט מאַכט מען צו אונדז אַ סוף, אַן עק!

און דו קוקסט, ווי עס ענדיקט זיך דיין בן יקיר
און גיסט נישט מיט בליין און פייער אַ פלאַקער,
גיסט נישט צום משפט די לעצטערער אַ שטעל,
עס זאָל ווערן פון זיי אויף אייביק אַ תל!

געננוג שוין געגאַנגען דאָרט אויף קידוש השם,
נעם זשע דיך שוין אָן זייער קריוודע, נעם;
לאָז מען נישט זאָגן „איה אלהים ישראל?“
נעם נקמה פאַר אונדזער בלוט און צאָל!

באַצאָל זיי פאַר די טייכן פאַרגאָסן בלוט,
ווייל מען האָט געטראָגן דעם נאָמען ייד;

שײַן נאָך די רעשטלעך, די נישטיקע צאָל,
פון דעם געררודפטן פאָלק דײַנעם ישראל.

ווײַז דײַן גבורה, דײַן קראַפט, דײַן כּוח,
מאַך אונדזערע שונאים צו אַש און רויך,
שטעל שוין אָפּ דאָס שעכטן און מאָרדן
און שטנס מיאוסע געלעכטער-אַקאָרדן.

אַז ייִדן האָבן נישט אויף וועם צו האָפן,
אַז תּורהס געבאָטן זענען ליגן און בלאָפן,
צייג זשע די שענדער און שפּעטער,
אַז דו טאַקע ביסט אונדזער רעטער.

ישראל שעכטער.
באַרשטשיוו

דאָס ליד איז פאַרעפנטלעכט אין ספר באָרשטשיוו, צונויפגעשטעלט פון נחמן בלומענטאַל, תל-אביב 1960.

## 45. דאָס אייביקע ליד

היטלער האָט אַ נעץ פאַרפלאָכטן,
אַ גרויסע שחיטה געמאַכט אַמאָל;
יונג און אַלט האָט ער אויסגעשאָכטן,
און נישט געברענגט זיי צו קבר ישראל.

מוזסט אייביק וויינען, טאָרסט נישט רוען,
זאָלסט נישט פאַרגעסן, אַז דו ביסט אַ ייד;
טרויער-מעלאָדיען זאָלן זיך ציען,
דעם טאַטנס בלוט עס קאָכט און זידט.

נישט קיין קדיש און נישט קיין יאָרצייט,
עס שניידט דאָס האַרץ נאָך מער און מער;
שענק די יונגע און די אַלטע לייט
מער געוויין און נאָך איין ביטערע טרער.

דאָס ליד ווערט צוגעשריבן **וואָלף סאַמבאַל.**

פאַרפאַסט אין אַ באַהעלטעניש אין וואַלד ביי ראַווא רוסקאַ, 1943 י.

## 46. יעדער רופט מיך זיאַמעלע...

יעדער רופט מיך זיאַמעלע,
אַך, ווי מיר איז שווער!
כ'האָב געהאַט אַ מאַמעלע,
האָב איך זי נישט מער!

כ'האָב געהאַט אַ טאַטעלע,
האָט ער מיך געהיט.
איצט בין איך אַ שמאַטעלע,
ווייל איך בין אַ ייד.

כ'האָב געהאַט אַ שוועסטערל,
איז זי מער נישטאָ —
אַך, ווו איז זי, אסתרל,
אין דער שווערער שעה?

ערגעץ ביי אַ בוימעלע,
ערגעץ ביי אַ פּלויט,
ליגט מיין ברודער שלמהלע
פון אַ דייטש געטויט.

כ'בין געווען אַ ווילינקער,
קיינמאָל נישט געקלאָגט,
היינט בין איך אַ הוילינקער,
און איך ווער געיאָגט.

גאָט, דו קוק פון הימל
אויף דער ערד אַראָפּ.

גיב אַ קוק, דיין בלימעלע
רייסט דער גזלן אָפּ.

טרעף אים, דעם נישט-גוטן,
מיט דיין שאַרפּער שווערד.
זאָג! ווי לאַנג וועט בלוטן
אָט אַזוי דיין ערד?

כ'הער ס'רופט טרעבלינקע,
פול מיט האַס און פּיין.
צי וועט שוין מיין ווינקל
קיינמאָל מער נישט זיין?

טייכן בלוט פאַרגאָסענע,
אין יעדן אויגנבליק,
ווו טויזנטער דערשאָסענע,
קאָן נישט זיין קיין גליק.

זיי אַ שטאַרקער, יינגעלע,
פאַר דיין פאָלק און לאַנד,
זאָלסט באַצאָלן, יינגעלע,
פאַר דיין פאָלק און לאַנד.

מחבר אומבאַקאַנט

## 47. בעלז

אויף אַלע וועגן פון אייראָפּע באַנען,
דאָרט לויפן צוגן נאָר אָן אַ שיעור.
און אַלע לויפן, און אַלע גייען
צו דיר, מיין שטעטעלע,
אומגליקלעך שטעטעלע, צו דיר.

בעלז, די לעצטע סטאַציע בעלז,
פון וואַנען ס'איז נאָך קיינער נישט צוריקגעקומען,
ווו מיין פאָלק איז אומגעקומען.

די לאָקאָמאָטיוו סאָפּעט, אַן אַלטער ייִד כראָפּעט,
דאָרט גוססט איינע מיט איר קינד.
דאָס קינד שרייט: מאַמע, איך וויל צו דיר!
זי איז געשטאָרבן, ווייל איז צו איר.

(בעלז, די לעצטע סטאַציע בעלז...)

די לאָקאָמאָטיוו סאָפּעט, קוים וואָס זי רירט,
ווייל אַזויפיל צרות האָט זי נאָך נישט געפירט.
צייט די באַנען גייען און צייט די וועלט שטייט, —
האָט נאָך אַזאַ מערדער נישט געזען די מענטשהייט.

(בעלז, די לעצטע סטאַציע בעלז...)

און אַז דו וועסט וועלן אַ מצבה אויפשטעלן,
זאָלסטו מיליאָנען ציגל באַשטעלן.
די מצבה זאָל זיין ווי די טאַטרעס 2 הויך,
ווייל קיין אַנדער מצבה פאַרשטייט נישט מיין מות.

(בעלז, די לעצטע סטאַציע בעלז...)

און אַז דו וועסט דאָ פאַרבלייבן,
זאָלסטו די מצבה פאַר אַנדערע פעלקער ווייזן.
זיי זאָלן געדענקען נקמה נעמען
פאַר דיין פאָלק, וואָס איז אומגעקומען
אויף קידוש־השם.

(בעלז, די לעצטע סטאַציע בעלז...)

בעלז, ווי טרויעריק איז דאָרט איצט,
ווען דער ווינט בלאָזט איבער די פעלדער,
איבער ברידערלעכן קבר
זאָגט ער אל מלא רחמים.

מחבר אומבאַקאַנט

דאָס ליד ווערט צוגעשריבן „גינא פון באָריסלאַוו", מען האָט עס געזונגען אין לאַגער אין קראַצאַו (כראסטאַוואַ אין די סודעטן), ווו יידישע פרויען האָבן געאַרבעט אויף אַן אַמוניציע־פאַבריק. אין קראַצאַו האָט גע־אַרבעט אַ גרופּע יידישע פרויען פון באָריסלאַוו.

---

[1] בעלז — פאַרענדערט דער נאָמען פון דעם באַקאַנטן טויט־לאַגער אין בעלזשעץ (לובלינער געגנט), פון מערץ 1942 י. ביז מערץ 1943 י. זענען דאָ אומגעקומען ביז 700.000 מענטשן, דאָס רוב — יידן.

[2] טאַטרעס — בערג אויף דער גרענעץ פון פוילן און טשעכאָסלאָוואַקיע.

# תפיסה — לאגער

## 48. ערגעץ אויף דייטשישער ערד

ערגעץ אויף דייטשישער ערד
זיצט מיין קינד פארטראכט, פארקלערט,
בלאס דאָס געזיכט, אויסגעצויגן,
ס׳פינקלען נאָר צוויי גרויסע אויגן.

דער פאָטער איז מיט אַקציאָן אַוועק
און מיט דער מוטער זיך צעשיידט מיט שרעק,
עלנט געבליבן ווי א שטיין,
האלט און שטארק זיך, קינד, נישט וויין.

אָרעם קינד, אין דיינע יונגע יאָרן
ביסט פאראומגליקט געוואָרן,
דו לעבסט אין הונגער, נויט און קעלט,
זאָרג נישט, פאר דיר נאָך גרוים איז די וועלט.

איצט שלאָפט מיין קינד אין זיסן חלום,
דו וועסט צום ברעג נאָך צושווימען בשלום.
דאָס קינדערישע הארץ פארקלעמט עס דיין,
פאר דיר דאָס לעבן וועט זיין שיין.

מחבר אומבאַקאַנט

## 49. אין לאַגער אין טורקאָוויץ

זעמיר אין שטעטל טורקאָוויץ,
זעמיר אַלע צוזאַמען,
אָמיר שוין פאַרגעסן אין טאַטע, מאַמע, שוועסטער, ברידער,
ווארום זעמיר אין א גרויס גערודער.

מאָנטיק, דינסטיק האָבן מיר שטיינער,
מיטוואָך, דאָנערשטיק צעברעכט מען אונדז די ביינער,
פרייטיק, שבת גראָבן מיר גריבער,
זונטיק פאַלן מיר אַלע אַנידער,
טשערע־בים־באַם־באָם.

ס'איז נישטאָ קיין העמדער, נישט קיין גאַטיעס,
ס'איז נישטאָ קיין שטיוול און קיין שיך.
ס'איז נישטאָ קיין פאַפּיר צו שרייבן אַ בריוו,
טשערע־בים־באַם־באָם.

דער בעלגאַרייער יודן־ראַט מאַכט זיך פאַר אַ שיינער,
אונדז ליידן מיר הונגער, ווייסט נישט קיינער.
טשערע־בים־באַם־באָם.

אויף פעלדער און וועלדער וואַקסן בלומען,
אונדזער באַפרייונג וויל נישט קומען.

מחבר אומבאַקאַנט

אין פרילינג 1940 זענען אַ סך יידישע מענער פון בילגאָריי (לובלי־נער געגנט) פאַרשיקט געוואָרן אין אַרבעטס־לאַגער טורקאָוויץ, וווּ זיי האָבן געאַרבעט ביים גראָבן אַקאַפּעס.

## 50. דער יודענראַט

דער יודענראַט, דער יודענראַט,
ער האָט האָך אונדז אַריינגעגנאַרט,
טאַראַריסא באָם, טאַראַריסא בים־באם־באָם.

אונדזער פּרעזעס זילבערשטיין,
ער איז דאָך גאָר גוט און פיין,
ער טראָגט א נאטשאלקע מיט א בריל
און טאָן טוט ער וואָס ער וויל,

טאַראַריסאַ...

אינדערהיים האָב איך געגעסן מיט זילבערנע לעפל,
און דאָ מוז איך עסן פון א בלעכן טעפל,

טאַראַריסאַ...

אמאָל איז געוואָרן אין שטעטל א גערודער,
זענען געקומען צו פאָרן אונדזערע ברידער,
זיי האָבן מיך אוועקגענומען פון דער מאמען,
זאָלן מיר זיין אין פּוסטקאָוו אַלע צוזאמען,
טאַראַריסא באָם, טאַראַריסא בים־באַם־באָם.

מחבר אומבאקאנט
פּוסטקאָוער לאַגער

אין פּוסטקאָווער לאַגער (לעבן דעמביצע) האָבן געאַרבעט יידן פון אַ פּאָר צענדליק אַרומיקע שטעטלעך. אין איינעם פון זיי איז וואַרשיינלעך געווען „פּרעזעס זילבערשטיין".

## 51. אין אָסאָווע

אין אָסאָווע ביי די גרינע לאָנקעס
שווימט א טייכל פול מיט יידיש בלוט,
כאָטש דאָס טייכל טראָגט דעם נאָמען ביאלקע,
רויט איז דאָס געוואָרן פול מיט יידיש בלוט.
זאָג גאָרנישט, מיין ליבע ביאלקע,
עס שווימט מיט מיינע טרערן ווייטער אַוועק.
דאָרט ביים ברעג שטייט מיין אלטע מוטער,
זאָגן זאָלסטו, אַז איך בין א גרופּן-פירער,
עס איז מיר דאָ אין לאַגער זייער גוט און ווויל.

מחבר אומבאקאנט
לאַגער אין אָסאָווע.

ווינטער 1942 י. האָבן אין אַרבעטס-לאַגער אין דאָרף אָסאָווע (לובּלינער קאַנט, ראדזינער פּאַוויאַט, גמינע קאַמאַרוווקאַ פּאַדלאַסקאַ) געאַרבעט יידן פון דעם שטעטל וואָהין אין ראַדזינער פּאַוויאַט. אין וואָהין האָט מען דערציילט, אַז אין אָסאָווע אַרבעט מען באָרוועס אין שניי, און מענטשן שטאַרבן מאַסנווייז פון הונגער און פון קעלט.

דורך די אָסאָווער לאָנקעס פליסט ווירקלעך דאָס טייכל ביאַלקע.

דאָס ליד האָט מען געזונגען מיט דער מעלאָדיע פון סאָוועטישן ליד „קאַטיושאַ”.

## 52. אַזוי איז עס געווען...

איך בין פון געטאָ געבליבן אליין,
פארניכטעט מיין שטיבל,
נישטאָ מער מיין היים.
פארשיקט מיך נאָך אָשוויענטשים
מיט מיין פרוי און זינעלעך צוויי,
אויגעלעך בלויע, ווי שיין זענען זיי!
עלף יאָר — דער עלטסטער,
דער יונגער — א יאָר אַכט,
מען האָט אונדז פארשיקט,
נאָך אָשוויענטשים אהערגעבראכט.
אזוי ווי מיר זענען אראָפּ פון דער באַן,
האָב איך באלד דערפילט דעם שרעקלעכן טעם.
מען האָט סעגרעגירט מיך דאָ,
מיין פרוי געהייסן גיין דאָרט,
די קינדערלעך אָן א זייט!
זיי האָבן געשריען און געוויינט,
זיי ווילן מיטן טאַטן גיין!
אויב דאָס הארץ האָט נישט געפּלאצט,
בין איך שטארקער ווי א שטיין.
זיי האָבן אויסגעדרייט די קעפּלעך
און צו מיר געקוקט,
איך האָב געשריִיַן און געוויינט,
געמיינט, איך וועל דערשטיקט!
כ׳האָב זיך געזעגנט מיט מיין פרוי:
זיי מיר געזונט!
מיט דעם ענדיקט זיך אונדזער לעבן,

נישטאָ מער קיין קינד.
מיין פרוי האָט מיך געטרייסט,
אליין געפאלן צו דער ערד.
אין דעם קומט אָן א ס.ס.־מאַן
און ער שלאָגט מיך מיט א שווערד.
צעריסן האָט מען אונדז ביידע,
קיין קוש נישט געטאָן!
אָט זע איך מיין פרוי,
ווי מען שלעפּט זי אויבן אָן,
און מיך האָט מען פארשיקט
אין קאצעט גלייוויץ איינס,
געארבעט שווער און ביטער,
ס'האָט זיך געגאָסן בלוט און שוויס,
מען האָט אונדז געשלאָגן און געשאָסן,
שמיץ געגעבן,
דער בארבאריזם, סאדיזם
האָט פארפינצטערט דאָס לעבן.
אזוי ווי דער פראָנט האָט זיך צוגערוקט,
האָט מען אונדז טיפער נאָך דייטשלאנד געשיקט.
באוואָרפן מיט גראנאטן
האָט אונדז דער דייטשישער באנדיט,
ביז די רויטע ארמיי האָט זיי גענומען אין דערמיט.
דעמלט האָב איך זיך באהאלטן אין א זייט,
געווארט אויף די רויטע ארמיי,
אָט בין איך באפרייט.
שפּעטער האָב איך געוואנדערט
נאָך לאָדזש צוריק,
קיינעם געטראָפן,
געזען מיין אומגליק.
איצט גיי איך אין גאס
און עס יאָגט מיך ווי א ווינט,
איך זוך אָט מיין פרוי,
איך בענק נאָך מיין קינד.
איך בין פון דער געטאָ געבליבן אליין,

פארניכטעט מיין שטיבל,
נישטאָ מער קיין היים.
פארשיקט מיך נאָך אָשוויענטשים
מיט מיין פרוי און זינעלעך צוויי,
אויגעלעך בלויע, ווי שיין זענען זיי.
עלף יאָר דער עלטסטער,
דער יונגער א יאָר אַכט,
מען האָט מיך פארשיקט,
נאָך אָשוויענטשים אהערגעבראַכט.

## אברהם משה גאלבאַס

לאָדזש, 25 מאי 1945 י.

דער מחבר, געבוירן אין לאָדזש, פון פאַך אַ קאַפעליוש־מאַכער, בעת דער אָקופּאַציע — אַ קוימענקערער אין לאָדזשער געטאָ. בעת דער ליק־ווידאַציע פון לאָדזשער געטאָ — זומער 1944 פאַרשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ.

אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אין אוישוויץ־בירקענאַו (אָשוויענטשים־בזשעזשינקע), וואָס האָט עקזיסטירט פון העלפט 1940 י. ביז יאַנואַר 1945 י. האָבן די היטלעריסטן אומגעבראַכט העכער פיר מיט אַ האַלבן מיליאָן מענטשן פון צוואַנציק נאַציאָנאַליטעטן. אין דער צאָל — איבער 2 מיליאָן יידן פון אַלע אָקופּירטע לענדער.

## 53. פון אַשוויענטשים

אַזוי ווי מיר זענען נאָך אוישוויץ אָנגעקומען,
אין דעם זאָנאַ[2]־לאַגער האָט מען אונדז גענומען.
מ'האָט אונדז אויסגעטון נאַקעט,
ווער עס האָט זיך נישט צוגעאײַלט, האָט געקראָגן מיט אַ באַטיק...

אוי, ווי צו מײַנע יאָרן,
נאָך וואָס בין איך נאָך אוישוויץ געפאָרן!
איידער צו עסן אוישוויצער ברויט,
איז ליבער צו שטאַרבן פאַר הונגער און נויט...

ס'זענען אָנגעקומען קאַפּאָס און אָנגעהויבן רויבן,
— גיט אַלץ אַוועק, איר גייט זאָ ווי זאָ אין אויוון;
ווייזט מיר, ווער פון אײַך געהערט צו די רײַכע,
וואָס פאַרמאָגט חזירים[3], האַרטע און ווייכע.

(אוי, ווי צו מײַנע יאָרן...)

איך וואָרן דיך מיט גוטן, דו זאָלסט דעם אמת זאָגן,
ווען נישט באַקומסטו די ביינער צעשלאָגן.
גיט אַלץ אוועק, לאָזט אײַך נישט בעטן,
בראָנפן, ווײַן, אפילו ציגאַרעטן.

(אוי, ווי צו מײַנע יאָרן...)

— פּאַניע קאַפּאָ[4] וואָס ווילט איר פון מיר האָבן,
ווער ס'האָט דאָלאַרן זאָל איך אייך זאָגן.
איך הייב נישט אָן צו וויסן, איך שווער אייך בנאמנות,
הערט שוין אויף צו שלאָגן און האָט אויף מיר רחמנות.

(אוי, ווי צו מיינע יאָרן...)

פון דער לאַזניע[5] האָט מען אונדז גענומען אין לאַגער אַריינפירן,
לעבן די קרעמאַטאָריומס האָבן מיר געמוזט אדורכשפּאַצירן...
די געביידע איז אָבער געווען מיט דעקן פאַרשטעלט,
כדי מיר זאָלן נישט זען ווי מ'שיקט אויף יענער וועלט.

(אוי, ווי צו מיינע יאָרן...)

דערזען האָב איך אַ לאַגער מיט עלעקטרישע דראָטן
און די אייוועלעך, וו מע טוט די מענטשן בראָטן.
ס'איז מיר געוואָרן אויפן האַרצן זייער שווער,
פאַרוואָס האָב איך געלאָזט זיך ברענגען דאָ אהער.

ישראל לעווענטאַל
אוישוויצער לאַגער.

---

1 אָשוויענטשים — זע ז. 143.

2 „זאָנא“ (זאַונאַ) — דער טייל פון לאַגער, וו עס האָט זיך געפונען די באָד און די דעזינפעקציע.

3 חזירים, האַרטע און ווייכע — דאָלאַרן און גאָלדענע מטבעות.

4 קאַפּאָ — אויפזעער אין לאַגער, באַשטימט דורך די דייטשן פון צווישן די געפאַנגענע גופא.

5 לאַזניע (פּויליש) — באָד.

## 54. אין יענעם טאָג...

(פראַגמענט)

אינעם טאָג ווען מ׳האָט צום איבערקוק געמוזט ארויסגיין,
האָט די מאַמע באַקומען נאָך אן ערגערן אויסזען.
און אַ נאַקעטע אויף דער קעלט זי איז געוואָרן בלויער,
זי איז ווי קלענער געוואָרן, שטייענדיק אזוי איינגעהויקערט.
ווי עס איז אויף א מארק פון לעבעדיקער סחורה,
זיי האָבן יונגע געקליבן, וואָס שפּרודלען מיט כוחות.
און מיין מאמע, אזוי יונג און שוין צעבראָכן,
איז ווי א שמאַטע דורך זיי אָפּגעוואָרפן געוואָרן.
אויף דער צווייטער זייט זיי שטעלן די יונגע לייבער,
און דאָס הארץ יאָמערט, פון ווייטיק עס פארגייט זיך.
שטום פון פארצווייפלונג, מיט געוויין און ציטערנדיק
כ׳האָב זיך באגעגנט מיט מיין מאַמעס לעצטן בליק.

### דזשונע ליבערמאַן.

פון פויליש — יעקב זאָנשיין.

דאָס ליד באַשרייבט אַ „סעלעקציע“ אין אוישוויצער קאָנצענטראַציע־לאַגער (וועגן אוישוויץ — זע זייט 143). פון צייט צו צייט פלעגן די היט־לעריסטן אויסשטעלן די העפטלינגען, אויסקלייבן די קראַנקע און די שוואַ־כע און זיי אָפּשיקן צום טויט.

## 55. מיין שטעטל קאָנסטאַנטין

מיין שטעטל קאָנסטאַנטין,
איך בענק צו דיר אַהין,
דו ביסט דאָך מיין לעבן,
דיך צו זען איז מיין גאַנץ שטרעבן.
מאַמע, איך בענק נאָך דיר!
טאַטע, מאַמע, ברידער אָנגעווירן,
אויך דיך, מיין געליבטע, אויף אייביק פאַרלוירן.
מאַמע, איך בענק נאָך דיר!
פון אַלעס, וואָס מיר געבליבן איז אַצינד, —
אַ פאָטאָגראַפיע פון מיין געליבטער און דאָס קליינע קינד.
מאַמע, איך בענק נאָך דיר!
מיין לעבן פאַרברענג איך אין שפּיטעלער אונטער קראַנקע,
מיין לעבן פאַרברענג איך אימער צו אין בענקען.
מאַמע, איך בענק נאָך דיר!
מיין לעבן פאַרברענג איך אין „יאַנינאַ" קוילן-גרובע,[1]
מיין לעבן פאַרברענג איךביים מערדער „פילער"[2] אין דער שטובע.
מאַמע, איך בענק נאָך דיר!
מיין לעבן פאַרברענג איך ביי שווערער אַרבעט און נויט,
זאָל שוין קומען פאַר מיר דער דערלייזער, דער טויט.
מאַמע, איך בענק נאָך דיר!

דאָס ליד ווערט צוגעשריבן **שיינקינד** (נאָמען אומבאַקאַנט).
אוישוויצער לאַגער.

---

1 קוילנגרוב „יאַנינאַ" (לעבן כשאַנוו) — איינע פון די פיליעס פון אוישוויצער לאַגער.

2 פילער — וואַרשיינלעך אַ מייסטער אָדער אויפזעער.

## 56. טאַצן

טאַצן, קעסל־פּויק און באַסן, פּידעלע און פליים,
נייַן, איר זאָלט אייך היינט נישט כעסן, שפּילט אונדז גליק
און פרייד!
דערשטיקט ביי זיך אין האַרצן ביטערניש און באַנג —
אויף צופּיקעניש דעם שוואַרצן הילכן זאָל געזאַנג...

אוי, פרייַלעך, פרייַלעך, הילכט, ר׳ עליע!
פרייַלעך שפּילט אונדז היינט, קאַפּעליע!
די טרער אין אויג פאַרגעסט, די טרער אין אויג פאַרגעסט;
אַ מכה זאָל דער שונא וויסן, אַז אין האַרצן עס פרעסט!

אַזש פון שושן ביז קאַסטיליע, נירענבערג און רוים
ס׳האָבן המנס און ציוּוילע געיאָגט אונדז ועד תהום;
געשענדעט גייסט און קערפּער, אַ שוואַרצע נעסט געשטריקט,
אונדזער שטאָלץ אין שטויב געטראָטן, און דאָך אונדז נישט
באַזיגט...

נייַן, ר׳ עליע, נאָר נישט זאָרגן, ס׳איז נאָך נישט דער סוף,
קומען וועט אַ נייער מאָרגן, ער ברענגט פאַר זיי די שטראָף;
פון בוידעם־שטוב, פון קעלער גייט אויף אַ העלער שיין, —
זעט, עס ווערט אַלץ העל און העלער, ס׳וועט נאָך ליכטיק זיין...

דאָס ליד ווערט צוגעשריבן **ב. צפּור**
אוישוויצער לאַגער.

## .57 „ש נ יי"

שוין קיינמאָל וועט דער שניי נישט שיטן אַזוי בלײַנדיק שיין
און מיט ווייסן שטיקן צוויבער ערד און הימל אַרומנעמען,
ווי דאַן, ווען ס'האָבן דיינע ליפּן אים געמאַכט צעגיין
אין טרערן לויטערע אויף מיינע ציטערדיקע ברעמען.

## העניע קאַרמעל, 1944

פון פּויליש:
דוד ספאַרד

העניע קאַרמעל — איינע פון די צוויי שוועסטער — דיכטערינס פון קראָקע (זע ז. 24). דאָס ליד וועגן ערשטן שניי — געשריבן אין לאַגער סקאַרזשיסקאָ־קאַמיעננאַ, וואָס איז געווען פאַרצויגן מיט אַ גיפטיקן שטויב פון פּיקרין און טראָטיל־מאַטעריאַלן, וועלכע האָבן געדינט צו דער אויס־אַרבעטונג פון אַמוניציע — איז געווידמעט העניעס מאַן, מיט וועלכן די היטלעריסטן האָבן זי צעשיידט קורץ נאָך דער חתונה.

## 58. יידן פייער־אייזן

ווײנען יידן אין באַראַקן, אַרומגעצוימט מיט שטעכל־דראָטן;
הונגערן, מאַטערן זיך אַזוי לאַנג שוין, אָט־אָ דאָרט הינטער קראַטן.
יידן־שאָטנס, יידן־רעשטלעך, דורך אַ צופאַל לעבן נאָך;
פאַרגעסן, דאַכט זיך, וואָס אַמאָל, — איינגעשפּאַנט זיך אין
שווערן יאָך.
מחוץ די דראָטן, באַלד דערנעבן, גרייכן קוימענס הימל־הויך;
פּאָכען לאַנגזאַם, פּאָכען שווער אַרום זיך מיט גראָען רויך.
גיסט זיך אייזן, ימים פייער, גיסט זיך, שטראָמט, ווי הייסעס בלוט,
רויט אַרום אַלץ, הייס און רויט — פליסט זיך דאָ אַן אייזן־ליד...
ראָלן בלאָקן, שווערע בלאָקן, שוועבן אין דער לופט פאַרביי,
יאָגן, לויפן פייער־שלאַנגען, ערגעץ אין דער וועלט אַריין...
מאַשינען, האַקעס, קראַנען, שדים קומען פלוצים אָט אַרויס,
עפּעס פייפט דאָרט, עפּעס קלינגט, סירענעס בלאָזן תקיעות אויס...
און —
שטייען יידן אין שווערער פראַצע, באָדן זיך אין טייכן שווייס,
פייער ברענט זיי, פייער בריט זיי, — אוי, געוואַלד, אַך ווי הייס!
אָ! אַן אומגליק האָט פּאַסירט היינט שוין ווידער מיט אַ ייד:
פייער־בלאָקן, פייער־דראָטן, ביז צום טויט אים אָפּגעבריט!
וואַגאָנען פאָרן, וואַגאָנען קומען, טראַנספּאָרטן גייען הין און הער —
יידן לאָדענען, יידן האָרעווען, מיט לייב און לעבן שרעקלעך שווער!
תכלית, יושר, צוועק פון לעבן? — אָ, געשטאָרבן דאָס אַלץ שוין!
און מיר ווייסן: אומקום, ענדע — דאָס וועט זיין פאַר אונדזער לוין...
און ס׳גייען טעג, ס׳גייען וואָכן — עס שלעפּן זיך שוין יאָרעלעך!
און ס׳שטייט אַ וועכטער ביי דעם טויער,
דראָטן, זופּעס, צרהלעך!
און —

טיף אין האַרצן, ערגעץ ווייט דאָרט,
אַ האָפענונג טליעט נאָך;
ס׳ברענט נאָך אַ קליין פייערל:
אפשר, אפשר, טאָמער דאָך?...

דאָס ליד ווערט צוגעשריבן **ח. מ. גאָטליב**
**טשענסטאָכאָוו.**

דער מחבר שילדערט דעם לאַגער „האַסאַג — אייזנהוטע״, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער פאָרשטאָט פון טשענסטאָכאָוו, ראַקוו. אַהער, ווי אויך אין דעם לאַגער „האסאַג — אַפּאַראַטנבוי״ זענען איבערגעשיקט געוואָרן די לעצטע 4.000 טשענסטאָכאָווער יידן פון דעם א. ג. „קליינעם געטאָ״, וואָס איז ליקווידירט געוואָרן דעם 25, 26 יוני 1943 י.

## 59. לײם

דו קאַלטער, גרויער לײם!
ײדן האָבן דיך געגראָבן
אין די גריבער, אין די נאַסע,
ײדן האָבן דיך געלאָרן,
שטומע, אויסגעצערטע, בלאַסע.

ײדישע פרויען דיך געקנאָטן
מיט פינגער דאַרע, צאַרטע,
ײדישע מענער דיך געטראָטן
מיט פיס באָרוועסע און האַרטע.
דו קאַלטער, שטומער לײם!

אונדזער קנעכטשאַפטס-סימבאָל פון קדמונים!
מיר האָבן קײנמאָל דיך נאָך נישט פאַרגעסן
און שטענדיק דיך דערמאָנט
בײם פײערלעכן סדר-עסן.

ווידער זענען מיר צו דיר געקומען,
אַ קלײן רעשטל פון דער גרויסער מחנה נאָר,
נישט אַלס זכר פון דער אַלטער,
שײנער מעשה דיך גענומען,
נאָר אַלס גרויזאַם ביטער וואָר.

און מיר, דאָס נישטיק אָרעם רעשטל,
זענען מיר דען נישט צו ליים געגליכן,
ווערן מיר דען נישט ווי ליים געטראָטן,
פון יעדער בייזער האַנט געריסן און געקנאָטן?

אָ, גרויסער, שטאַרקער גאָט!
דערהער אונדז און דערלייז אונדז גיכער
פון דעם אכזר דעם צעשטערער,
וועלכער האָט פון דיין שיינער כלי, פאָלק ישראל,
געמאַכט אַ צעבראָכן ליימען שערבל...

טויבע גערשאָוויטש
לאַגער דויגעל (ליטע). ציגל= און קאכל=פאַבריק.
דעצעמבער 1943 י.

די דיכטערין איז געווען אין שאַולער געטאָ, פאַרשיקט געוואָרן אין לאַגער דויגעל, שפּעטער — אין די לאַגערן גוטאַו (מזרח פּרייסן) און שטוטהאָף.

## 60. די צוויי קברים

צוויי פֿאַריתומטע קברים אין לאַגער דוויגעל,
צוויי קלייניקע אָרעמע בערגעלעך ערד,
קיין ברעטל צום אָנדענק — אַזוי איז באַפֿעל,
ס'איז פֿאַר אַ יידן פֿון צו גרויסן ווערט.

ווער ליגט אַזוי עלנט אין בלוטיקן זומפּ?
וועמען האָט דאָ דער ביטערער גורל געטראָפֿן?
צוויי יידן געפֿאַלן אין לאַגער דוויגעל:
איינער — דערשאָסן געוואָרן דערפֿאַר,
פֿון די דראָטן אַרוים איז ער טראָץ דעם באַפֿעל,
פֿאַר די קינדער נאָך שפּייז, נישט געקוקט אויף געפֿאַר,
דערשאָסן, באַגראָבן אין איין האַלבער שעה,
געזעגנט האָבן גאָרנישט קינדער און ווייב,
אַז פֿאָטער און מאַן איז מער שוין נישטאָ,
ס'ליגט שוין אין קבר זיין דורכגעלעכערט לייב.

דער צווייטער פֿאַרהונגערט, פֿון אַ האַרץ־לייד געפֿאַנגען,
איז אין דער נאַכט ווי אַ ליכט אויסגעגאַנגען.
אויף מאָרגן — די ברידער צו דער אַרבעט אַוועק,
מיט אַ בליק אים באַגלייט אין זיין אייביקן וועג.
צוויי יידישע קברים אין לאַגער דוויגעל,
פֿאַרוואָרפֿן אין וועלדל ביים שייד־וועג,
צוויי טראָפּנס, אַך נאָר פֿון בלוטיקן קוואַל
פֿאַרשלונגען דורכן קויטיקן ערד־פֿלעק.

**טויבע גערשאָוויטש**

לאַגער דוויגעל (ליטע). יאַנואַר 1944.

## 61. דער מאַמעס בריוו

באַראַקעס איינטאָניקע, לאַנגע
מיט דיכטע דראָטן אָפּגעטיילט,
שאָטנס וואַקלדיקע, קראַנקע,
טאָג איין, טאָג אויס, מושטירט, געציילט.

קלעפּ און פּייניקונג כסדר,
דער גוף געצויגן טיף אין צער,
פאַרקרימט פון ווייטאָג די געזיכטער,
פון ווילדן שרעק די אויגן שטאַר.

יידישע שוועסטער, מאַמעס, טעכטער
מיט ברידער, מאַן און קינד צעשיידט
פּרוּוון אָפּנאַרן די וועכטער,
כאָטש יעדן טריט דער בייטש באַגלייט.

מען שאַרט זיך פיבערהאַפט, גנביש
צום צוים עלעקטריזירטן דראָט,
מען לעכצט אַ ווערט זען אַ קרוביש,
ווייל ס'איז דאָס זען זיך אַ פאַרבאָט.

ס'פליען גיך דעם צוים אַריבער
פּעקלעך, בריוו געבונדן פעסט,
געשריבענע אין טרערן און אין פיבער,
פאַר הערצער בלוטיקע אַ טרייסט.

אָט שטייט אַ מאַמע אין אַ ווינקל
איר איינציק קינד צו זען זי האָפט,

ס'הויבט שנעל דער זון איר אויף דאָס ברייוול,
די טייערע שורות מיט דורשט דורכלויפט.

נישט אויסגעהיט האָט זיך דאָס קינד
פון בייזן היטערס שאַרפן בליק,
דער אכזר גיט אַ שפּרונג געשווינד
און וואַרפט דאָס ייִנגל אויף צוריק.

ער רייסט דאָס צעטל גראָב אַרויס,
פון פעסט פאַרקראַמפּטע קליינע הענט
און דריקט דאָס קינד אין גאַנצן גרויס
ביז ס'ליגט פאַרחלשט ביי דער וואַנט.

און הינטער צוים פון דיכטע דראָטן
שטייט די מאַמע ווי באַטויבט,
איר מאַכטלאָז צאָרן און פּיינפול שרייען
דורך הילביק שמייץ ווערט באַלד פאַרטויבט.

**טויבע גערשאָוויטש**

שטוטהאָפער לאַגער

(זע זייט 147)

## 62. ראש־השנה

רונדע, ליכטיקע לבנה,
היינט — ביי יידן ראש־השנה,
איך בין פֿאַרוואָגלט אָן אַ צייט,
־ער פֿרויען־לאַגער ליגט גאָר ווייט.
דריי יאָר צוריק געווען צוזאַמען,
נאָך געלעבט מיין טאַטע־מאַמע,
נאָך געהאַט אַ גרויסע משפּחה,
גליק געהאַט, געווען הצלחה,
האָב געהאַט אַן אייגענע היים,
אַלץ, וואָס ליב איז דאָרט געווען,
איך האָב געבויט מיט אייגענע הענט,
מיט מי און שוויים באַפּוצט די ווענט.
כ'האָב געאַרבעט און געשאַפֿן
אָן שרעק און אָן געלויפֿן
אין פֿרייע טעג און פֿרייע נעכט,
איך האָב געהאַט דאָס מענטשן־רעכט.
ראש־השנה פֿלעגט דאָך קומען,
האָט די שטוב געשמעקט מיט בלומען
און ליבע קינדער, גוטער מאַן
האָבן מיין גליק פֿאַרפֿולט נאָך דאַן,

און איצט האָב איך שוין אַלעס פאַרלאָרן
און פון אַלעס איז גאָרנישט געוואָרן.
איך לעב און ווייס נאָך נישט פאַרוואָס,
איך האָף און ווייס נאָך נישט צו וואָס.
שיינט די לבנה אין הימל בלויען,
ווייל דעם סוד מיר נישט פאַרטרויען...

מחבר אומבאקאנט
שטוטהאָפער לאַגער.

## 63. לאַגער־מאַרש

ס׳איז דאָס ליד פון יאַנאָווער לאַגער,
וועלט! זע צו אונדזער פּלאָג!
פאַרמאַכט אונדז הינטער שטעכל־דראָטן,
אַ רוח זיי אין טאַטנס־טאַטן!

די זופּ איז נאָר אַ ביסל וואַסער,
ווער ס׳עסט זי, ווערט נאָך בלאַסער;
שטאַרבן מוז מען אויך אויף ראַטן,
אַ רוח זיי אין טאַטנס־טאַטן!

אחוץ דער זופּ פון מיטאָג־סטראַווע, —
גיט מען שוואַרצע, ביטערע קאַווע;
יידן קאָן שוין גאָרנישט שאַטן,
אַ רוח זיי אין טאַטנס־טאַטן!

אויף די פּריטשעס פול מיט שכנים,
דערויף און דרונטער האָב איך איינעם;
מיט לייז און וואַנצן משא־מתן,
אַ רוח זיי אין טאַטנס־טאַטן!

ס׳הערשט אין לאַגער אַ מגפה,
אַ שאָד צו זוכן דאָ דעם רופא;
ס׳שטאַרבט דאָס פאָלק פון גנעלע לאַטן,
אַ רוח זיי אין טאַטנס־טאַטן!

און אויב עס פאַלט אויף דיר דער גורל,
גיי צום קבר, האָב נישט מורא!
מיר זענען אַלע קאַנדידאַטן,
אַ רות זיי אין טאַטנס-טאַטן!

אַליין פאַרבליבן בין איך אַצינדער,
נישטאָ דאָס ווייב, נישטאָ די קינדער;
דאָס געמיט באַדעקט אַ טרויער-שאָטן,
אַ רות זיי אין טאַטנס-טאַטן!

דאָס ליד ווערט צוגעשריבן **זיגפריד שענפעלד**
יאַנאָווער לאַגער.

יאַנאָווער לאַגער — דער אַרבעטס- און טויט-לאַגער אין לעמבערג אויף יאַנאָווסקע גאַס נומ. 122 — 134. אויף דער טעריטאָריע פון לאַגער גופא און אין זיין אומגעגנט („פּיאַסקי“) האָבן די היטלעריסטן אומגעבראַכט צענדליקער טויזנטער יידן.

## .64 „פּאַוויאַק"

אַז וואַרשע איז ריין פון יידן, ווייסט איר דאָך אַלע.
אַז עס איז דאָ אַ ביסל באַהאַלטן, אויף דעם פרעגט נישט קיין
„שאלה",
וועגן איין גרופּע יידן, וואָס רעכענען לעבן צו בלייבן
(איך בין צווישן זיי), כ'וויל דאָס אַלץ באַשרייבן.

מיר זיצן אויף דעם פּאַוויאַק, אונטער דער קראַטע,
מיר זענען נישט קיין גנבים, אויך נישט קיין „בלאַטע",
מיר זענען בלויז יידן, האַנטווערקער, מיר האָבן קיין געשעפט,
דערפאַר לעבן מיר נאָך, ווייל מיר זענען „אַרבעטס־קרעפט".

עס זענען דאָ פּאַראַן שניידער, שוסטער, און אַלע פאַכן,
פאַר אונדזערע מערדער מוזן מיר אַלץ מאַכן,
דאָס לעבן איז פּאַרמיאוסט, און אָן רחמנות,
צי האָבן מיר ניט געגעבן גענוג קרבנות?

מיר האָבן אויף דעם פּאַוויאַק אַ באַזונדערע געביידע,
און אויך דעם פרעזעס איבער דער יידישער געמיינדע,
עס איז לוסטיק פריילעך, מיר האָבן נישט קיין זאָרגן,
מיר לעבן מיט דעם היינט, און נישט מיט דעם מאָרגן.

דער גאַנצער פּאַוויאַק איז איין גרויסע שעכטהויז,
דער, וואָס גייט דאָרט אַריין, קומט מער נישט אַרויס,
די שרעקלעכע זאַכן, וואָס זענען דאָרט פּאָרגעקומען,
קאָן נאָר וויסן דער, וואָס איז פון דאָרט אַרויסגעקומען.

דאָס אַלץ צו באַשרייבן בין איך נישט אומשטאַנד,
דאָס קאָן מען נישט באַשרייבן מיט קיין מענטשלעכער האַנט.
איך וויל נאָר אַלעמען געבן צו וויסן,
ווי אַזוי יידישע לעבנס זענען דאָ געוואָרן צעריסן...

יעדן טאָג, נאָך אין אָוונט טוען מיר זיך דערוויסן,
אַז אין דער טויטן-צעלע אויפן פּאַוויאַק פרישע יידן זיצן.
מענער, פרויען און קליינע קינדער, —
זיי מוזן שטאַרבן, דאָס ווייסט יעדער באַזונדער.

אין אַזאַ שוואַרצער צייט טוען מיר לעבן,
דאָרט ברענט מען אונדזערע ברידער, און מיר מוזן שווייגן.
גענוג געליטן, מיר האָבן שוין ניט מער קיין קרעפטן,
און וועגן אַנטלויפן הויבן מיר אָן טראַכטן.

מיר האָבן זייער לאַנג פאַרשידענע פּלענער פאַרטראַכט,
און טאַקע איין שיין שטיקל אַרבעט געמאַכט:
איבערגעשניטן אין איין פענצטער די קראַטע,
אַראָפּגעלאָזט זיך פון צווייטן שטאָק, ווי די אַקראָבאַטן.

צען חברים זענען זיי געווען,
די צייט איז נאָענט, דאָס האָבן זיי געזען.
זיי האָבן איינגעשטעלט דאָס לעבן, עפּעס צו דערגרייכן,
זיי האָבן באַוויזן אַ העלדישקייט, געגעבן דעם צייכן.

אַזוי ווי די דייטשן האָבן די ידיעה באַקומען,
זענען זיי ווילד געוואָרן און זיך צו אונדז גענומען,
אַרויסגעוואָרפן אונדז פון דער געביידע, פון די פּאַוויאַק-מויערן,
די ליידן וועלן שוין לאַנג ניט דויערן.

מיר האָבן טייער דערפאַר באַצאָלט, מיר מוזן די ליפּן פאַרבייסן,
ווען איך דערמאָן דערפון, טוט מיר דאָס האַרץ רייסן.
די בעסטע פערציק חברים האָבן זיי פון אונדז צוגענומען,
און מער צו אונדז זענען זיי שוין נישט צוריקגעקומען.

אַ שוואַרצער טרויער האָט אונדז אַלע אַרומגענומען,
פּערציק קרבנות פון אונדז אַוועקגענומען,
אויסגעשאָסן זיי אַלע אַזוי ווי די הינט,
און אין אונדזערע הערצער געמאַכט איין גרויסע וווּנד.

מיר האָבן די טעג פון אונדזער לעבן אויף די פינגער געציילט,
אויפצונעמען דעם טויט זענען מיר אַלע גרייט.
יעדן טאָג צו לעבן מיט אַזויפיל שרעק,
שוין פיל בעסער... זאָל עס נעמען אַן עק.

אַזוי זענען אַדורך עטלעכע וואָכן,
מיר זענען אומרואיק, אין די הערצער טוט קאָכן.
די דייטשן גרייטן זיך שוין וואַרשע צו פאַרלאָזן,
וואָס וועלן זיי מאַכן מיט אונדז? מען קאָן זיך אויף זיי פאַרלאָזן...

אין קאָפּ טוט רוישן, אין האַרץ טוט קלעמען,
די דייטשן זאָגן, זיי וועלן אונדז מיטנעמען.
צי מעג מען זיי גלויבן, די דאָזיקע טיראַנען,
דאָס זענען נישט קיין מענטשן, נאָר שאַרלאַטאַנען.

דער טאָג דער בייזער איז אָנגעקומען,
די געפאַנגענע פון פאַוויאַק האָבן זיי אַרויסגענומען,
זיי הייסן אַלע זיך צו דער רייזע צוגרייטן,
זיי גיבן אונדז קליידער און וועש איבערצובייטן.

און טאַקע אין דעם טאָג איז עס געשען,
די לאַגע איז ערנסט, דאָס האָבן אַלע געזען.
זיבעצן חברים האָבן זיך דערשראָקן,
געמאַכט אַן אונטערגראָבונג, דורכן קאַנאַל אַנטלאָפן.

שטעלט אייך פאָר, מענטשן, די דאָזיקע טראַגעדיע,
עס איז נישט קיין פאַנטאַזיע און נישט קיין קאָמעדיע.
די זיבעצן חברים, וואָס זענען „אויסגעריסן“,
האָבן ניינציק מענטשן גענומען אויף זייער געוויסן.

ווי אזוי מיר האָבן דורכגעלעבט די נאכט, קאָן איך נישט באשרייבן,
דאָס האַרץ טוט ווײ, ווען מען דערמאָנט זיך אין די ליידן.
ביי די דייטשן, ווײַזט אויס, איז אַ צומישונג געווען
אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אונדז אַלע איבערצוגעבן.

און דאָ הויבט זיך אָן אַ נײַ לעבן,
אונדזערע קליידער האָט מען אונדז באַלד געגעבן,
אָפּגעשוירן די האָר, מיר זעען אויס ווי פאַרברעכער,
מיר גרייטן זיך אין טראַנספּאָרט, מיר גייען קיין דאַכאַו.

אָבער דאָ האָט אונדז אַ נס געטראָפן,
אין וואַרשע איז אַ אויפשטאַנד אויסגעבראָכן,
די דייטשן, די „העלדן", די פאַרשאָלטענע פאַרברעכער,
זיי זענען אַנטלאָפן, ווי די מייז אין די לעכער.

מיר זענען באַפרייט, מיר זענען שוין פרייע מענטשן,
מיר טוען אונדזערע באַפרייער קושן און בענטשן,
די פרייד איז ביי אונדז אַזוי גרויס,
דאָס צו באַשרייבן, פעלט מיר ווערטער אויס.
ליידער, די פרייד קאָן נישט לאַנג דויערן,
די דייטשן באַהערשן די וואַרשעווער מויערן.
מיר קעמפן צוזאַמען מיט די אויפשטענדלער אויף די באַריקאַדן,
עס איז שוין געפאַלן קרבנות צווישן די קאַמעראַדן.

דער אויפשטאַנד פון וואַרשע ווערט שוין דערשטיקט,
וואָס איצט וועט זיין, ווייסט קיינער נישט.
מיר דאַרפן זיך נישט פאַרלירן, מיר מוזן זיך האַלטן,
מיר מוזן זיך דערווייל גוט באַהאַלטן.

וואָס ווייטער איז מיט מיינע חברים געשעען,
דאָס קאָן איך נישט וויסן, ווייל איך האָב נישט געזעען,
יעדער איז זיך צעלאָפן אין פאַרשידענע זייטן,
פילייכט וועלן מיר זיך טרעפן אין בעסערע צייטן...

דוד פאָגעלמאַן

וואַרשע, 1944.

נאָך דער ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ אין אַפּריל — מאַי 1943 יאָר, האָט די געסטאַפּאָ אויפגעזוכט אַ סך יידן אויף דער א. ג. „אַרישער זייט". די מערהייט פון די געכאַפּטע האָט מען דערשאָסן. אַ טייל פון די פּאַכלייט האָט מען איינגעזעצט אין דער „פּאַוויאַק"־תּפיסה, ווו זיי האָבן געאַרבעט אין פאַרשיידענע וואַרשטאַטן. די מערהייט פון די אַרעסטירטע איז שפּעטער ליקווידירט געוואָרן — אַ גרופּע האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן — און בלויז אַ קליינער טייל האָט דערלעבט ביזן וואַרשעווער אויפשטאַנד (אויגוסט 1944), נאָך וועלכן אַ געוויסע צאָל יידן (צווישן זיי דער מחבר פון דעם ליד) האָט זיך אויסבאַהאַלטן ביז דער באַפרייונג — אין אונטערערד אויפן שטח פון דעם צעשטערטן וואַרשע.

## 65. היי, יידעלעך!

היי, יידעלעך, איר קומט אויף מאָנטע[1] אַצינד,
געזעגנט טאַטע־מאַמע, פרוי און קינד.
ס'וועט נישט העלפן קיין קרעכצן און קיין טרער,
איר וועט שוין אַהיים נישט קומען מער.

איר וועט האָבן גוטע קעסט, קוואַרטיר
און אויך פרייהייט ביי פאַרמאַכטער טיר,
אַוועקנעמען פאַמיליע־זאָרגן פון אייך
פאַר דער אַרבעט געטרייער, וואָס מיר פאָדערן פון אייך.

מיר האָבן געאַרבעט, אונדזער שוויס געגעבן,
געבעטן: שענקט אונדזער פאַמיליע דאָס לעבן!
ס'האָט נישט געהאָלפן אונדזער יאָמערלעך געוויין,
מיר זענען געבליבן עלנט, איינזאַם, אַליין.

היינט, ווען מיר דינען מיר
שקלאַפן אָן אַ מאָרגן,
פאַר וועמען מיר שאַפן
און וועמען מיר באַזאָרגן?
דאָס פאַרגאָסענע בלוט
רופט נאָך נקמה
און מיר אַרבעטן, אַרבעטן, שקלאַפן־נשמות.

דאָס ליד ווערט צוגעשריבן **מאַקס ראָזענבערג**

קראָקע, מאָנטעלופּי־תפיסה.

די מעלאָדיע צום ליד (לויט געבירטיקס „ציגעלעך"), האָט צוגעפּאַסט מאָטל קזשענסקי.

---

1 מאָנטע — מאָנטעלופּי־תפיסה אין קראָקע.

## 66. ווען איך בין אַריין אין פֿאַבריק

ציים איך בין פֿון מיין היים אַוועק,
לעב איך אַדורך גרויסע שרעק, טראַ, לאַ, לאַ, לאַ.
ציים איך בין פֿון מיין שטוב אַרויס,
שטיי איך גרויסע צרות אויס, טראַ, לאַ, לאַ, לאַ.

אַריין בין איך אין אַ פֿאַבריק,
פֿון וואַלכער עס גיט שוין קיין צוריק, טראַ, לאַ, לאַ, לאַ.
און אַז מען אַרבעט נישט מיט אַ קוראַזש,
הייסט עס באַלד סאַבאָטאַזש, טראַ, לאַ, לאַ, לאַ.

פּראָדוקציאָן מוז מען לייסטן גאָר אַ סך,
האָרעוועט מען טאַקע טאָג און נאַכט, טראַ, לאַ, לאַ, לאַ.
אונדזער פֿאַרזאָרגער איז דאָך דער דאָקטער שענק,
צו עסן גיט ער אונדז אַ קרענק, טראַ, לאַ, לאַ, לאַ.

צי דאַרף מען נאָך באַשייד,
האָט מען אין הויזן אונדז באַקלייד, טראַ, לאַ, לאַ, לאַ.
איצט פֿיל איך מיך אַ פֿרוי, אַ העלד,
און פֿייף שוין טאַקע אויף דער וועלט, טראַ, לאַ, לאַ, לאַ.

דערזע איך אַ פֿראַנצויז אין אַ הויז,
געב איך אַ פֿינטל מיט דעם אויג, טראַ, לאַ, לאַ, לאַ.
מעג ער זיין אַלט און גראָ,
זאָג איך אים באַלד „מאָן אַמאָר“, טראַ, לאַ, לאַ, לאַ.

אונדזער לאַגער האָט נאָך אַ גרויסן פּליוס,
צום פּראָגראַם געהערט נאָך דער טיפּוס, טראַ, לאַ, לאַ, לאַ.
יעדער דרייט זיך אַרום אין גרויסער שרעק,
ווייל ס'פעלט נאָך אַ פּאָר צום קאָמפּלעט, טראַ, לאַ, לאַ, לאַ.

עס הייבט זיך אָן אָט בולו גלאָווי,[1]
די סיאָסטרע[2] זאָגט: עגזעמפּליאַזש נאָווי,[3] טראַ, לאַ, לאַ, לאַ.
עס מאַכט זיך באַלד אַ פרישע גראַטקע,
מען פּאַקט אַריין אין דער איזאָלאַטקע, טראַ, לאַ, לאַ, לאַ.

און אָנשטאָט דעם קראַנקן געבן צו פּיקן,
פּאַשעט מען אים מיט זאַסטשיקן,[4] טראַ, לאַ, לאַ, לאַ.
דער דאָקטאָר אַרבעט טאַקע גלאַט
און עס איז דאָ פּאַר די „חברה קדישא" אַ קאַנדידאַט,
טראַ, לאַ, לאַ, לאַ.

## העלי האָניגמאַן

לאַגער — אַמוניציע־פאַבריק אין גליוויץ.

---

1 אַד בולו גלאָווי (פּויליש) — פון קאָפּוויטיק.
2 סיאָסטרע (פּויליש) — שוועסטער.
3 עקזעמפּליאַזש נאָווי (פּויליש) — אַ נייער עקזעמפּליאַר.
4 זאַסטשיקן (פּויליש) — איינשפּריצונגען.

## 67. שטוטהאָפער גיהנום

(פראַגמענט)

שייסע־זאַל אין פינפטן בלאָק.
זייט איר שוין אַמאָל אין גיהנום געווען?
און אַזוי ווי איר האָט נאָך דאָס גיהנום נישט געזען,
קומט מיט מיר, דער קאַצעטישער טאָכטער אין פולן זין פון וואָרט.

קומט מיט מיר, איך וועל אייך באַגלייטן,
איך וועל אייך פירן אויף יעדן אָרט
און איר וועט זיך שטיין אַ ביסל פון דער ווייטן.
אַלזאָ, מיר גייען שפּאַצירן, איר זייט די באַגלייטער און איך טו אייך פירן.

מיר שטייען אָןביים פינפטן בלאָק.
פון אויסן אַ הויז־געביידע, דאַכט זיך ווי אַלע הייזער.
נישט קרום, נישט לאָם, זעט נישט אויס צו זיין אַזאַ בייזע.
דורך די פענצטער שיינען אַרויס צוגעקלאַפּטע ברעטער,
די שויבן באַגאָסן מיט צואה נישט קיין פעטער.
איין עק פענצטער פאַרשטעקט מיט אַ שטיק איינגעטונקענער
און פאַרלויזיקטער, איך ווייס נישט וואָס,
אָדער מענטש, אָדער שמאַטע, ס'איז נישט צו דערקאָנען.
אפילו נישט דורך גלאָז, האָבן אויך אַלע מענטשן אויסגעזען ווי שמאַטעס,
ווייל נישט דערקענען זייערע קינדער וואָלטן זייערע אייגענע טאַטעס,
און דורך די פענצטער וואָס איר זעט אַזעלכע מאָדנע אָדם־
נאַקעטע געשטאַלטן, ווי געשפּענסטער,

וואָס פליקן און רייסן פון זיך שטיקער,
שרעקט זיך נישט, נישט זיי זענען שיכור,
נישט משוגע, נישט ווילד.
אַזוי זעט אויס דאָס גאַנצע שטוטהאָפּער בילד.

...זאָלן מיר אַריינגיין הערוויל אינעווייניק.
איר קאָנט ווייטער נישט גיין, איר מוזט זיך אָפּשטעלןביים שוועל,
עס נעמט אייך אַרום אַ גיפטיקער געשטאַנק,
די געסראָכע וואָס האָט אָנגעמאַכט היטלער מיט זיין רעזשים
און געוואָרפן דער וועלט אַלס געשאַנק.
אַ זאַל. הער זאַל איז געווען גרויס צום יידישן חורבן
און צו קליין, און צו ענג אויף אַ וועלט-הקדש.
די מויערן זענען די איינציקע עדות פון קרבן
וואָס מוזן אַריינזאַפּן אין זיך דעם סוד פון העלישן געפענקעניש.
ווינטער. די שויבן אויסגעהאַקט, די טירן אויפגעפראַלט,
פיר נאַסע, שוואַרצע, מיט צואה באַגאָסענע ווענט,
אויף די ווענט אויסגעקריצט צייכנס פון יידישע נעמען פון דער גאַנצער וועלט.

זעט אויס, אַז דער שייסע-זאַל איז אַ תהום,
קוים קריגט זיך עמיץ אַריין אין די געצעלטן,
האָט אפילו קיין שכל געהאַט אויסצוטראַכטן קיין שום משפט פון סדום.

אויפן זאַל טראָגט זיך פון די ווענט און פון סופיט אַ פּאַרע,
איינער דערזעט נישט דעם צווייטן
און נעמט אַרום אַ שוואַרצע כמאַרע
אין אַלע פיר זייטן.
דאָס לעבן אינעווייניק נישט נאָר ס'קאָכט, נאָר ס'פּרעגלט זיך און זידט.

אויסגעפּאַרטיקט איבער נאַכט אַ ביסל סחורה,
אַרויסגעוואָרפן נעבן מיסט-קאַסטן און מען ברענגט פרישע צו.
האָט קיין מורא,
דער אָבערשאַרפירער זאָרגט שוין, ס'זאָל שטענדיק דער זאַל זיין פול.

דער זאַל איז געפּאַקט מיט טויזנט פינף הונדערט מאַן,
געזונטע, שוואַכע, קראַנקע מיט טויטע צוזאַמען.
נאַקעטע, צוליב ענגקייט און וואַרעמקייט, פאַרדעקט זיך איינער
מיטן צווייטן.
אויף די טויטע לייגט מען זיך אַרויף, ס'זאָל זיין אַ ביסל ווייכער.

...איר געפינט דאָ פון דער גאַנצער וועלט יידישע פרויען,
פון טשעכיען, פוילן, אונגאַרן, עסטרייך, בערלין,
אַלע צוזאַמען אויף איין שייסע־זאַל באָדן,
געוואָרפן אויף דער שטוטהאָפער בינע
דאָס טייוולאָנישע שטיק אָנצושאַוען.

...ס'איז נאָך די נאַכט,
דער שייסע־זאַל ליגט נאָך אין זיין גאַנצן פּראַכט.
דער זאַל איז פול ווי מיט אויסגעקוילעטע בהמות, מענטשן,
אַ מאַדאַם מיט שניי־ווייסע שערין און האַנדשו,
און אַ ראָזע־בלימל אין קאָפּ ווי געטאָקט,
גייט איבערן זאַל, נישט איבער מענטשן,
טרעטנדיק איבער קעפּ מיט אירע פעסטע שטיוול־טריט,
וויל זי דערגיין, וועד ס'לעבט נאָך און וועד נישט,
מיט איר ווייסן אומשולד־קלייד און שניי־ווייסע האַנדשו,
זי האָט חלילה, אירע הענט אין שמוץ נישט געטונקען,
זי האָט זיך נאָר געבאָדן אין אונדזער בלוט
און דעם גאַנצן געשטאַנק פון שייסע־זאַל
האָט זי מיט איר וועזן פאַרשטונקען.
דער זאַל איז אין לענג און ברייט אויסגעצווינגן מיט מתים,
טייל אַרבעטן נאָך מיטן האַרץ פאַרן גוססן,
טייל זאָגן „שמע ישראל“.

...צוויי שוועסטערן אין אַ זייט טוען זיך געזעגענען,
איינע פון אַ יאָר אַכצן זעט אויס ווי אַ זקנה,
די אַנדערע פון צוואַנציק יאָר, ביידע טוען זיך באַוויינען,
נישט זיי וויינען, זיי פּישטשען ווי ניי־געבוירענע הינדעלעך

צוגעטוליעט איינע צו דער צווייטער.
דער גאַנצער זאַל איז פאַרגאָסן מיט שיים.
אַ מיידעלע באַוויינט איר פאַרשטאָרבענע מאַמע,
מאַמינקע, מאַמינקע, וואָס וועל איך זאָגן דעם טאַטינקע,
ווו האָב איך אַהינגעטאָן די טייערע מאַמינקע?
ס׳רייסט איר איבער אַ שעפּטשענדיק קול:
אומזיסט איז דאָס וויינען, אומזיסט איז דאָס קלאָגן,
דו וועסט נישט דערזאָגן און איך וועל נישט דערזאָגן
און דיין טאַטן וועט אויך קיינער נישט באַקלאָגן.

* *
*

...ס׳באַווייזן זיך צוויי פון חברה קדישא,
זיי זעען אויס ווי טויטע געצן.
מאָרגן וועט מען זיי אויך שלעפּן.
זיי הייבן אָן שלעפּן און פאַלן אַנידער,
איינע בעט זיך: איך בין נאָך אַ לעבעדיקע,
דאָ ליגן דאָך נאָך אַזויפיל טויטע דערנעבן.
אַ מאַמע האַלט צוגעטוליעט איר קינד,
זי האָט זיך פאַרעקשנט נאָך נישט אַרויסגעבן אַצינד.
צוויי יאָר האָט זי זי נישט געזען,
נעכטן האָט זי זי דערקענט אין אַ גוססדיקן צושטאַנד,
ס׳פעלט אייך טויטע, נעמט דעם בר־מינן, יענעם בר־מינן,
איך וויל זיך אַ ביסל מיט מיין קינד אָנפרייען,
שפּעטער וועט איר אונדז אַרויסשלעפּן ביידע צוזאַמען... —

אין מיטן שטוב ליגט אַ טויטע קימפּעטאָרן,
דערנעבן אַ לעבעדיק קינד. ס׳מאַכט מיטן מיילעכל און באַוועגט
מיט די אויגעלעך,
פאַרשטאַרט שוין באַלד
ווי אַ האָרן.
און פון וואַלד קומט צולויפן אַ שוואַלב
מיט קליינע פייגעלעך,

אַ זײַן געטאָן אויפֿן פֿענצטער,
באַקוקט דאָס געשפּענסטיע בילד,
צוריק אַרײַן אין וואַלד, אין נעסט,
צוגעטוליעט די פֿייגעלעך פֿעסט.
און שפּעטער האָב איך געזען די קימפּעטאָרן אין גאַס,
דערנעבן דאָס קינד אין שניי,
דאָס קינד האָט נאָך געלעבט;
און צעריסן האָט דאָס בילד אויף שטיקער פֿון ווײ.
איצט רוימט מען דעם זאַל און מען האַלט אין איין שלעפּן.
ביי אַ סך דערקענט מען אויפֿן פּנים, אַז דער טויט איז זיי ניחא,
אַז ענדלעך וועלן זיי האָבן אַ מקום מנוחה
אויף יענער וועלט.
ביי אַ טייל איז אויסגעריסן די האָר פֿון קאָפּ
פֿון ראַנגלען זיך ביזן פֿאַרסמטן טויט.
ביי אַ טייל איז אַרויסגעריסן שטיקער קערפּער און הויט,
ביי אַ סך שטיקער פֿינגער אָפּגעריסן פֿון גרויזאַמער נויט.
טייל שלאָפֿן איין ווי הינדעלעך, ווער דערקענט אָבער צי זיי שלאָפֿן?

אָדער זיי זײַנען אויף?
איין טויטע האַלט פֿעסט צוגעטוליעט מיט דער האַנט צום האַרצן
אַ פֿאָטאָגראַפֿיע,
וועלכע זי האָט זיך באַשטימט אַרויסגעראַטעוועט
אין אַלע שוואַרצע טעג,
מיטן אויפֿשריפֿט: יאָזעף און ראָזאַ, ווין 1939.
איצט ליגט ראָזאַ אין אירע פֿרילינגס־טעג 1944.

...ס'איז אַ באַפֿעל אויסצוליידיקן פֿאַר פֿרישע געסט,
פֿרישע קרבנות וועלן פֿאַרפֿילן די שוידערלעכע נעסט.
אָט הערט זיך פֿון דערנעבנדיקן צימער יאָמערלעכע געוויינען,
וואָס פֿאַרטויבן,
מיט שטעקנס יאָגט מען אַרײַן די קראַנקע אין שייסע־זאַל:
זיי שלעפּן זיך אויף אַלע פֿיר. פֿון אונטן און אויבן
באַפֿאַלן זיי שלעק.

ביים ערשטן ריר פאַלן זיי אַנידער ווי שווערע פּעק
און הייבן זיך מער ניט אויף.
אויפן הויף זענען אָנגעקומען מחנות מענטשן און איילן זיך
אריינצוגיין,
זיי ווייכן נאָך נישט וואָס פאַר אַ גיהנום עס וואַרט אויף זיי.
באַלד וועט'ן אַלע געוואָרפן אויף איין שייטער-הויפן,
אין שייסע-זאַל...

**שבע גלאַז־ראָזנבלום**

שטוטהאָף.

אין שטוטהאָפער קאָנצענטראַציע־לאַגער, נישט ווייט פון גדאַנסק, וואָס האָט עקזיסטירט פון סעפּטעמבער 1939 ביז יאַנואַר 1945 י. זענען אומגעקומען ביז 65 טויזנט מענטשן, בתוכם אַ גרויסע צאָל יידן.

# באפרײַונג — צוריקקער

## 68. די באַפרייונג

וואָס מורען זיך די בוימער אין דער נאַכט?
וואָס זענען זיי אַזוי אַלע פאַרטראַכט?
זיי קלערן אַריין אין דער גרויסער אידיי,
ווען וועט שוין קומען די רויטע אַרמיי!
„מאַמע, וואָס רוישן אַזוי די בוימער אין וואַלד?
דאָס קומען די דייטשן אַהער באַלד?
מיך באַפאַלט שוין אַ מרה־שחורה,
איך האָב פאַר פּאָגראָמען מורא!"
„ניין, קינד, מאַך נישט קיין געדרודער,
ס'גייען, לויפן אונדזערע ברידער!
די רויטע אַרמיי טוט שרייען
און וויל אונדז שוין באַלד באַפרייען.
לייג נאָר צו דאָס אויער צו דער ערד,
הערסטו דען נישט רוישן דאָרט אַ סך פערד?
דאָרט הורקען אַ סך קאַנאָנען,
אויבן וואָרטשען די לופט־באַלאָנען.
היינט נעכטיקן מיר אין די וועלדער,
נאָך אויף די בוידעמס און פעלדער.
מיר לויפן די חברים באַגריסן,
פון דער ליכטיקער וועלט געניסן!"

בערל טורנער

## 69. נאָך מײַן צוריקקומען פון קאָנצענטראַציע־לאַגער

דו פרעגסט מיך,
פאַרוואָס איך בין אַזוי באַטריבט?
דו ווילסט איך זאָל דיר זאָגן,
וועמען איך אין האַרצן ליב?

איך ליב מײַן פרוי
און די זונעלעך צוויי,
ווי גליקלעך וואָלט איך געווען,
ווען זיי זענען דערבײַ...

אברהם משה גאלבאַס
לאָדזש, 1945 (זע ז. 143)

## 70. דאָס שרייב איך פאַר פריינט...

דאָס שרייב איך פאַר פריינט,
זיי זאָלן מיין לעבן פאַרשטיין,
אין דרויסן איז קאַלט,
פאַר וואָס איז דאָס לעבן געבליבן
אַזוי אַלט,
עס איז דאָך היינט פרילינג,
דער מאַי איז דאָ,
אָבער פאַר אַרעסטאַנטן איז נאָך
נישטאָ קיין רו.
דער גלאָק — דער שרעקער,
ער וועקט מיך נישט מער,
איך פיל מיך אַליין,
אַז איך האָב נישט קיין ווערט.
איך שטיי און קלער, וווּ זאָל איך גיין,
איך בין אַזוי טרויעריק, איך האָב נישט קיין היים.
אַדורכגעמאַכט אַ לעבן
אין קעלט, אין נויט,
און פיל מאָל נישט געזען קיין ברויט.
איך שטיי ווי אַ בלינדער אין דער וועלט,
עס קאָן אויך זיין, אַז אין דרויסן איז

גאָרנישט אַזאַ קעלט,
נאָר פאַר מיר איז דאָס לעבן
אַזוי וויסט און פאַרוויינט,
איך האָב פאַרלוירן דאָס טייערסטע,
איך האָב פאַרלוירן מיין היים!

משה יעקב קוויאַטקאָווסקי
דאַכאַו, 25 מאַי 1945 י.

ווי עס באַווייזט די דאַטע, איז דאָס ליד אָנגעשריבן נאָך דער באַפרייאונג פון קאָנצענטראַציע־לאַגער.

# 71. מצבות

(פראַגמענטן)

אָט דאָ שטעל איך אייערע מצבות,
מיינע ליבע עלטערן, שוועסטער און ברידער,
איך, דער איינציקער מיטגליד פון דער גאַנצער משפחה,
געבליבן אין מיטן ים ווי אַ שיף אָן אַ רודער.
אויף מיר איז אויסגעגאָסן די טרויעריקע ברכה
צו טראָגן אין האַרצן אַ בית-עולם מיט קברים
און מיין גייסט צו מאַטערן מיט אַזעלכע יסורים.
איך ווייס נישט, ווו ס׳איז אַהינגעקומען אייער געביין,
אַ קבר איז ביי מיר יעדער שטיין און ביין
און יעדעס אָרט ווו איך שטעל מיינע טריט,
און יעדעס ביסעלע אַש,
אַלץ איז פאַרגאָסן און פאַרזייט מיט בלוט
און טראָגט מיט זיך מיט אַ מתים-באַגאַזש.
אין די וואָלקנס זוך איך אייערע קברים
און שפיגל זיך אין אייערע געשטאַלטן
און זוך: אפשר האָט איר זיך דאָרטן אויסבאַהאַלטן,
אפשר האָט איר עמיץ געזען מיין מאַמען, מיין טאַטן,
איך שמועס זיך אויס אויף געהיימע דיבורים,
אפשר וועלן זיי מיך פאַרשטיין.

איך פרעג זיך ביי יעדן וואָרעם און שלאַנג,
אפשר ווייסן זיי, ווו ס׳איז אַהינגעקומען מיינע נאָענטעס געביין?
ביי יעדן געוויקס און גרעזל ...

טו איך זיך פרעגן,
ווו זאָל איך זוכן די קברים פון מיינע שוועסטער און ברידער,
ווו האָט מען זיי געבראַכט און געפּרעגלט?
איך ווייס נישט אין וועלכן גאַז־אויוון איר זייט פאַרברענט,
איך וואָלט מיין כשרע מאַמע
אפילו אין באַרג אַש דערקענט.
איר זיסן שמעקעוודיקן ריח
וואָלט איך אַרויסגעפילט אפילו אין שטינקנדיקן גאַז־אויוון רויך,
און מיין טאַטנס מאַיעסטעטישע באָרד וואָלט איך דערקענט,
ווען זי וואָלט שוין געווען אין שטויב פאַרוואַנדלט,
און איצט איז אויף מיר אויסגעגאָסן די קללה
צו זען אייער אויסגיין, אַזאַ בלוטיקע מפּלה,
אויף מיין נשמה צו טראָגן אַזאַ שוואַרצן טרויער,
וואָס נישט אומשטאַנד אפילו איז עס דער גרעסטער גבור,
איך, איינע אַליין,
ווי אַ שטיין
בין געבליבן פאַרטריבן
און מער נישט קיין זכר.
איך אַליין מוז טראָגן דעם שוואַרצן צייכן,
און שווערע לאַסטן פון אַ גאַנצן בית־הקברות,
איינע אַליין טראָגן אַ האַרץ מיט ביטערע בשורות
און נישט האָבן וועמען דערציילן
און נישט האָבן מיט וועמען זיך צו טיילן.

דאָ שטעל איך אייערע מצבות,
אייער טאָכטער, אייער שוועסטער, אייער אַלעס;
אין צייט נאָכן באַפרייען ר"ח טבת.
די ערשטע מצבה מיין טאַטן — אַ ייד אין אַ טלית,
מיט אַלע מידות, מעלות פון אַן ערלעכן ייד,
שלמה גלאז בן יעקב אַלט אַ יאָר פופציק, אַ ייד אַ חכם, אַן עילוי.
אונטער דיין קאָפּ שטעל איך דיר דיין אייגענע ספרים־שאַנק,
פון וועלכער דו האָסט שטענדיק געזאָגט דיינע תפילות
און געשעפּט דיינע קוואַלן און באַלויכטן דיין געדאַנק.
איך, דיין טאָכטער, וואָס האָט אַזאַ דראַנג

דיך נאָך איינמאָל כאָטש זען אַ ייד אַ באַפרייטן
און הערן פון דיין מויל אַ גוט־מאָרגן אַ ברייטן.
עס קלינגט מיר נאָך היינט דיין זיסע שטימע וואָס האָט זיך צעגאָסן
פון דיין לערנען ימים ולילות,
אין שווערע טעג פון גלות דיין מתפלל זיין,
ווען פון אַלע עקן, גאַסן האָבן זיך געהערט שוין טרויעריקע שאָסן.

און דיר, מיין מאַמע, רייזל בת שמעון,
דו ביסט אויך אין דער רשימה פון זעקס־מיליאָניקן בית־עולם.
פאַר וואָס דיר איז געקומען אַזאַ פריאיקער דרעמל?
ווייס איך אויך נישט, אַן אשת חיל, אַ כשרע אשה,
אַ הייליקע צנועה, דיין הויז איז געווען באַלויכטן מיט
אַזויפיל קדושה אַרום און אַרום.
און דיר, מיין כשרע מאַמע, שטעל איך דיינע בענטש־לייכטער
די צוויי

און דערנעבן אַ ביסעלע אַש,
אויסגעגאַנגען ביסטו אין דעם טרויעריקן מיש־מאַש
צוזאַמען מיט דעם וועלט־ווי־געשריי,
מיטן קרבן־מנחה־סידור, ווען געזאָגט האָסטו דיין הייליקע תחינה,
און באַלויכטן איז דיין פנים מיט הייליקער שכינה;
מיטן פולן האַרץ פון גלויבן צו גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב,
היט און שיץ דיין פאָלק ישראל,
און נישט געשיצט האָט דיך קיינער,
אויסגעלאָשן, נעבעך, די הייליקע בענטש־לייכטער דיינע.
פאַרלאָשן, פאַרגאַנגען מיין פרומע מאַמע.
איצט, מיין ליבע שוועסטער,
אַז איך לעב, זיי מיר מוחל.
באַשטימט איז אויסגעפאַלן אויף מיר דער פינצטערער גורל
צו לעבן און שטעלן אַלעמען מצבות, דאָ אויפן פאַפיר.
געגאַנגען ביסטו ווי אַלע יידישע מאַמעס
דורך פייער און פלאַמען, מיט דיין קינד צוזאַמען.

און איצט, מיין ליבער שוואָגער לייבל בן חיים,
דו גייסט מיר אויך נישט אַרויס פון דעם רעיון,

דו ביסט ביי מיר איינגעבאָרגן אין מיין גאַנצער נשמה,
דיך האָט איך קיינער מער נישט צו דערמאָנען,
ווי איך איינע.
און מיינע אָרעמע ברידער צוויי,
וואָס זאָל איך אייך זאָגן,
קאַראַנטער וואָלט געווען צו זיין צוזאַמען מיט אייך
איידער צו שרייבן אַזעלכע געדיכטער.
אויף מיר איז אויסגעפאַלן דער פינצטערער גורל
צו לעבן און שטעלן אייך אַלעמען מצבות.
קיינער איז פון מיין משפּחה צו קבר ישראל נישט געקומען,
אין זיך אַליין טראָג איך אייערע קברים,
טיף פאַרבאָרגן, אין מיין האַרצן באַגראָבן
טראָג איך אין האַרץ אַ בית־עולם מיט קברים.

...און טראָג אין זיך אַ וועלט מיט צאָרן,
פאַרזייט מיינע וועגן מיט אַ שווערן דאָרן
און אַרומגעפּאַנצערט מיינע יאָרן
און קיינמאָל קיין רו נישט געפונען...

**שבע גלאַז־ראָזנבלום**

(זע זייט 23)

# זוכצעטל:


## א.

אָישוויץ — בירקענאו (אָשוויענ־
טשים — בזשעזשינקע) 10, 23,
43, 58, 92, 93, 99, 120, 141,
143, 144, 145, 146, 147, 148
אייזנבערג 118
אייזנמאַן יהודה 19
אינסברוק 114, 116
איצינגער ישראל בער (אלתר שנור)
120
אַקסעלראָד אברהם 73
אָלעצקי (אָלעיאַק ?) 98
אָסאָווע 140

## ב.

באָריסלאוו 134
באָרשטשעוו 129
בוכענוואלד 61
בוקארעשט 19
ביאליסטאָק 16, 49, 50,
93, 98, 99
בילגאָריי 138
ביעלסק 71
בלומענטאל נחמן 113, 129
בליימאַן דניאל 48
בעלזשעץ 10, 134
בענדין 16, 71
בערקאָוויטש 98

## ג.

גאלבאָט אברהם משה 143, 178
גאָטליב ח. מ. 151
גדאַנסק 10, 174
גוטאו 153
גוטמאַן 94
„גינא פון באָריסלאוו" (פסעווד.)
134
גלאַז — ראָזענבלום שבע 7, 18,
23, 174, 184
גליוויץ 142, 168
געבירטיק מרדכי 8, 20, 166
גרינוואלד מרדכי 55
גערשאָוויטש טויבע 6, 153,
154, 156

## ד.

דאכאו 164, 180
דאָמבראָווסקא דאַנוטא 9
דויגעל 153, 154
דעמביצע 139
דראָהאָביטש 114

## ה.

האַניגמאַן העלי 168
העלוויג 98
הערצבערג שלום 64, 65
הערשאָוויטש יעקב 57, 58, 59

## ו.

וואַרטע 9, 15, 16, 79, 84
וואַרשע 5, 9, 10, 11, 12,
13, 14, 15, 16, 19, 20, 21, 44,
45, 48, 85, 87, 88, 91, 161,
164, 165

ווארשאווסקי מארק 8
וואָהין 140
וויטמאַן עדזשיע 18, 75
וויינריב רויזע 54
ווילנע 122

## ז.

זאַנשיין יעקב 146
זילבערשטיין 139
זיסמאַן דוד 61
זיעלאָני א. 13

## ח.

חייטין חנה 7, 12, 102

## ט.

טווים יוליאַן 6
טורנער בער 177
טורקאָוויץ 138
טרעבלינקע 10, 15, 16,
86, 88, 92, 93, 98, 132
טשעכאַנאָווסקי נחום 119, 120
טשענסטאָכאָוו 16, 24, 61, 151
טשערניאַקאָוו אַדאַם 44, 45

## י.

יאַסקאָוויטש 32

## כ.

כזשאַנוווו 147
כעלמנאָ 43

## ל.

לאַזאָוערט העגריקאַ 13
לאָדזש 5, 7, 8, 9, 10, 11
12, 13, 14, 15, 20, 21, 23, 28,
29, 30, 31, 33, 38, 39, 43, 51,
52, 54, 55, 57, 58, 59, 61, 64,
65, 67, 69, 84, 102, 119, 120,
126, 142, 143, 178
לובלין 10, 134, 138, 140
לוצק 111
ליבערמאַן דזשוניע 146
לייבאָוויטש מ. 104, 106
לייוויק ה. 12, 13, 19
לייפּציג 24
ליסאָווצע 113
ליצמאַנשטאַט (לאָדזש) 83, 84
לעוועטאַל ישראל 145
לעמבערג 160

## מ.

מאַלאַגאַ 114
מאַלטשאַצקי מענדל 13, 43
מארק בער 20
מאַרקאָווטשיזנע 95, 96, 97, 98
מארקוס 50
מייזלס אברהם 126
מינכען 19
מיעלניצא פּאָדאָלסקאַ 75
מערין משה 10, 64, 65, 70, 71

## נ.

ניויאָרק 12, 113
נירנבערג 148
נעפּטאַלין העגריק 120

## ס.

סאַלניצקי לייב 45
סאַמבאָל וואָלף 130
סאָביבאָר 16
סאָסנאָוויץ 65, 94
סטאַלאָווע וואָלאַ 116
ספאַרד דוד 24, 149
סקאַרזשיסקאָ קאַמעננאַ 24, 149

## פּ.

פּוסטקאָוו 139
פּינקערט מאָטל 46, 47, 48
פּיעטראַשע 50
פּלאַשוו 24
פּשעמיסל 116

## פֿ.

פֿאָגעלמאַן דוד 10, 88, 164
פֿילער 147
פֿליישער יצחק 111
פֿרידעל פֿריץ 99

## צ.

צוקערמאַן י. 98
צפּור י. ב. 148

## ק.

קאָטשערקינסקי שמערל 12, 13, 19
קאַמיאָנקא 113
קאַצענעלסאָן יצחק 20
קאַרמעל אילע 6, 24
קאַרמעל העניע 6, 24, 149
קאָוונע 73
קאָמאַרוווקא פּאָדלאַסקא 140
קאָנסטאַנטין 18, 147
קויאַווסקי משה יעקב 180
קושעלעוויטש אליהו 109
קזשענסקי מאָטל 166
קירשענבוים אברהם 5, 69
קלאָגע 121, 122, 124, 125
קעלץ 118
קראַצאַו (כראָסטאָווא) 134
קראָקע 6, 10, 20, 24, 149, 166

## ר.

ראַדאָשיץ 23
ראַדזין 140
ראַדזינער 38
ראַווא רוסקא 130
ראָזוואַדוו 116
ראָזענבערג מאַקס 166
ראָזענפעלד מאָריס 8, 54
ראָזשישטש 111
רובינשטיין 45
רוים 148
רומקאָווסקי חיים מרדכי 10, 14, 15, 56, 57, 58, 60, 61, 62, 63, 65, 66, 67
רחלעס נ. (פּסעוו.) 45
ריגע 104, 106
ריינהאַרץ איסעל 16, 116
רינגעלבלום עמנואל 5, 11, 12, 21, 45

## ש.

שאַוול 6, 102, 153
שאַיעוויטש שמחה בונים 20
שאַנצער מ. 71
שוואַמבערגער יאָזעף 116
שטוטהאָף 10, 23, 102, 153, 156, 158, 169, 174
שיינקינד 147
שלענגעלע וולאַדיסלאַוו 20
שנור אלתר (פּסעוו.) 120
שעכטער ישראל 129
שענפעלד זיגפריד 160
שענקער מ. 91
שפּיגעל ישעיהו 20

# אינהאַלט

זייט

פאָרוואָרט, רוטע פופס . . . . . . . . . . 5
1. כישט מיין שולד די טרויער לידער... . . . . . . 23
2. אַ שפּור אויף דער וואַנט . . . . . . . . . 24

## די ערשטע נגישות

3. די געלע לאַטע . . . . . . . . . . . 27
4. דאָס טרויעריקע געטאָ . . . . . . . . . 29
5. „ווישעדלעניעס" . . . . . . . . . . . 32

## געטאָ

6. פערד־פליש . . . . . . . . . . . . 37
7. הונגער . . . . . . . . . . . . 40
8. די באַנע . . . . . . . . . . . . 44
9. מועס... מעות . . . . . . . . . . . 46
10. אין ביאַליסטאָקער געטאָ . . . . . . . . 49
11. פאַר אַ האַלבע קילאָ ברויט . . . . . . . . 51
12. בלויז ברויט . . . . . . . . . . . 52
13. אַ מאַשין . . . . . . . . . . . . 53
14. פּעקאַליע . . . . . . . . . . . . 55
15. רומקאָווסקי חיים גיט אונדז קלייען... . . . . . 56
16. פּראָטעקציע . . . . . . . . . . . 59
17. רומקאָווסקי . . . . . . . . . . . 60
18. די דעמאָנסטראַציע . . . . . . . . . . 62
19. דאָס ליד פון די גיינער מאַרקן מיט די דרייסיק דעקאָ ברויט . . 66
20. שטאָטישער גאַסט . . . . . . . . . . 68
21. עס דרייען זיך די רעדער . . . . . . . . 70
22. ביים געטאָ טויערל . . . . . . . . . . 72
23. עס דרימלט דאָס געטאָ . . . . . . . . . 74

## חורבן—נקמה

24. חורבן וואַרטע . . . . . . . . . . . 79
25. די ווישעדלעניע . . . . . . . . . . 85
26. כ'שעם זיך . . . . . . . . . . . 89

27. אַ גאָלדענע צייט . . . . . 92
28. אָן אַ היים . . . . . 94
29. מאַרקאָווישטשיזנע . . . . . 95
30. גיי מיין קינד, שלאָפן... . . . . . 99
31. דאָס פאַרוואָגלטע קינד . . . . . 100
32. געטאָ-ליד . . . . . 103
33. אָ, זאָגט מיר, וווּ זייט איר געבליבן . . . . . 105
34. אויף מיין מוטערס טויט . . . . . 107
35. דער דריטער פּאָגראָם . . . . . 110
36. פאַרוואָלקנט דער הימל . . . . . 112
37. אַן אַקציע אין ס. ס.-לאַגער . . . . . 114
38. דער אומעט וועקט פון שלאָף . . . . . 117
39. אין דער היים . . . . . 119
40. דער ברודער-קבר אין קלאָגע . . . . . 121
41. מיין ברודער . . . . . 123
42. איך זע אייך, אויגן . . . . . 125
43. דין תורה . . . . . 126
44. עס ווילט זיך פרעגן . . . . . 127
45. דאָס אייביקע ליד . . . . . 130
46. יעדער רופט מיך זיאַמעלע... . . . . . 131
47. בעלז . . . . . 133


## תּפיסה—לאַגער


48. ערגעץ אויף דייטשישער ערד . . . . . 137
49. אין לאַגער אין טורקאָוויץ . . . . . 138
50. דער יודענראַט . . . . . 139
51. אין אָסאָווע . . . . . 140
52. אַזוי איז עס געווען... . . . . . 141
53. פון אָשוויענטשים . . . . . 144
54. אין יענעם טאָג . . . . . 146
55. מיין שטעטל קאָנסטאַנטין . . . . . 147
56. טאַצן . . . . . 148
57. שניי . . . . . 149
58. יידן פייער-אייזן . . . . . 150
59. ליים . . . . . 152
60. די צוויי קברים . . . . . 154
61. דער מאַמעס בריוו . . . . . 155
62. ראש-השנה . . . . . 157
63. לאַגער-מאַרש . . . . . 159
64. „פּאַוויאַק“ . . . . . 161
65. היי, יידעלעך! . . . . . 166
66. ווען איך בין אריין אין פאַבריק . . . . . 167
67. שטוטהאָפער גיהנום . . . . . 169

## באַפרייונג — צוריקקער


68. די באַפרייונג . . . . . . . . . . 177
69. נאָך מיין צוריקקומען פון קאָנצענטראַציע-לאַגער . . . . 178
70. דאָס שרייב איך פאַר פריינד... . . . . . . . . . 179
71. מצבות . . . . . . . . . . . 181
זוכצעטל . . . . . . . . . . . 185